# כשרות

Kashrus Journal | Issue #14 | January 28, 2021 | ב"ה, חמשה עשר בשבט תשפ"א

# כשר'ע נאשעריי

**הרב בנימין יוסף טעללער** באזוכט די זאזאר'ס נאשעריי הויפטקווארטיר און קאנפערירט מיטן בעה"ב

**הרה"ח ר' דוד נוטאוויטש הי"ו** /// **דאס פולע בילד איבער נאשעריי פראדוקציע אין באצוג צו כשרות**

הרה"צ רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א:

## ווען דאס בלוט פונעם מענטש איז בדיעבד

הרב אהרן פעדער פון מורשת חכמי אמעריקע:

## כשרות אינעם לעצטן יאר-הונדערט

המחנך הרב אשר הכהן פריעדמאן:

## ס'דערקענט זיך אין חדר

משגיחים אדרעסירן:

## קאלטע און הייסע טיי \\ די אימפארט פון פרוכט און גרינצייג



לכבוד חמשה עשר בשבט:

## הוראות איבער פרוכטן און ניסלעך

Current Issue sponsored by: YumTee Go Fresh! Gourmet Nuts & Dried Fruit




06 **חותמו של כהן גדול**
גדולי ישראל איבער זהירות אין כשרות




08 **כשרות אמאל**
היסטארישע פערספעקטיוו אויף כשרות




34 **ס'אונזער הכשר?**
חינוך הבנים והבנות צו כשרות


# כשרות
THE KASHRUS JOURNAL

חמשה עשר בשבט תשפ"א
Issue #14 January 28, 2021

יו"ל ע"י
**מערכת הכשרות**
שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא


©
כל הזכיות שמורות
Copyright 2021

**CRC KASHRUS**
A division of The Central Rabbinical Congress

85 Division Ave.
Brooklyn, NY 11249
t: 718.384.6765
f: 718.486.5574
crckashrus.org

production by **dartmedia.us**

04 **לכתחילה**
דאס ווארט פון מערכת הכשרות

14 **אונטערן השגחה**
אבזערוואציעס פונעם כשרות פעלד

18 **שאלת חכם**
משגיחי כשרות געבן ענטפערס

30 **כשרות נייעס**
אפדעיטס און באריכטן איבער כשרות

33 **באלעבאסטעס קיך**
די אידישע מאמע




22 **כשרות אין פראדוקציע**
די כשר'ע עסנווארג אינדוסטריע




36 **למעשה**
כשרות אין סעזאן

## האט איר געדאנקען וויאזוי צו פארשענערן דעם "כשרות" זשורנאל?

טיילט דאס מיט מיטן מערכת הכשרות און זייט מזכה את הרבים

שרייבט צו
journal@crckashrus.org
אדער פעקסט צו
718.486.5574

# פון קאראנע ביז כשרות

דאס פעלד פון כשרות איז כהיום גאר א ברייטע און טיפע, אזש ס'איז אין א געוויסן זין פיל ווייטער פון וואס א דורכשניטליכער מענטש וועלכער איז נישט אויסגעקאכט אין דעם מקצוע קען דערגרייכן און פארשטיין.

די טעכניקן טוישן זיך יעדע פאר יאר. וואס ס'איז געווען גילטיג פאר א משגיח כשרות צו אדרעסירן און ארויסהאבן ווען ער האט אריינשפאצירט אין אן עסן פאבריק, רעסטאראן, אדער סיי וועלכע עסן איינריכטונג פאר דריי יאר צוריק, איז היינט שוין נישט אקטועל.

דער גאלאפ פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיע באריט יעדן אספעקט מיט וואס די מענטשהייט קומט אין פארבינדונג, און מיינט נישט אז דאס שטעלט זיך אפ ביי די עסן אינדוסטריע.

די טעכניקן וועלכע ווערן באנוצט צו ערצייגן רוב רובו פון די מאכלים וואס מיר עסן טעגליך ווערן מיט יעדן פארבייגייענדן טאג מער פארגעשריטן. די וועלט פון היינט איז נישט די וועלט פון פינף יאר צוריק, און די וועלט פון נאך קאראנע איז זיכער נישט די וועלט פון פאר קאראנע.

אויב האט מען זיך אלץ געמוזט גוט פאראינטערעסירן פאר'ן אריינעמען א מאכל אין שטוב, אדער פאר'ן אריינעמען אן עסנווארג אין מויל אריין, צו וויסן ווער ס'גיבט דערויף א השגחה און צי דער בעל מכשיר איז א ירא ה' און א מומחה אין כשרות פראקטיק, איז דאס עפעס וואס איז פילפאכיג מער אקטועל היינט ווען די וועלט פון עסן פראדוקציע ווערט דראמאטיש נשתנה מיום ליום.

ס'איז א מציאות אז אין דער לעצטער תקופה זענען



זאכן אויפגעשאקלט געווארן. לאנגע יארן זענען זאכן געווען סטאביל, משגיחי כשרות האבן רואיג געקענט ארומרייזן אויף אלע וועלט טיילן, ווען אלע טירן און טויערן פון לענדער איבער דער וועלט זענען פאר זיי געווען אפן.

די תקופת הקאראנע האט אלעס געטוישט, דירעקט אפעקטירט, און פיל שווערער געמאכט די ארבעט פון א משגיח כשרות אויפ'ן פראנט. מיר לעבן אין א תקופה אין וועלכער די ועדי הכשרות בכל תפוצות ישראל דארפן זיך טעגליך ספראווען און זיך פארמעסטן מיט שוועריגקייטן.

די תקופת הקאראנע האט אלעס געטוישט, דירעקט אפעקטירט, און פיל שווערער געמאכט די ארבעט פון א משגיח כשרות אויפ'ן פראנט. מיר לעבן אין א תקופה אין וועלכער די ועדי הכשרות בכל תפוצות ישראל דארפן זיך טעגליך ספראווען און זיך פארמעסטן מיט שוועריגקייטן.

ווי א רעזולטאט דערפון האט די וועלט פון כשרות איבער פילע לענדער און מדינות געליטן שטארקע פארלוסטן. פילע גדולים וצדיקים וועלכע האבן באלויכטן די וועלט, האט כלל ישראל זיי פארלוירן אין דער תקופת הקאראנע, צווישן זיי זענען געווען גדולי תורה ויראה וועלכע האבן אסאך צושטייער געגעבן מיט זייער תורה און חכמה צום שדה הכשרות פון כלל ישראל, וואס אויף זיי ווערט ריכטיג געזאגט חבל על דאבדין ולא משתכחין.

די יד השגחה העליונה האט געפירט אז דער ווירוס איז אריבער צו דער מענטשהייט דורך א גוי פון וואהאן, כינע, וואס האט געגעסן א טריפה'נע בעל חי, וואס פון אים האט זיך עס פארשפרייט מקצה העולם ועד סופו. ס'האט זיך געדאפלט מיליאנען מאל, אריינדרייענדיג דערין מיליאנען מענטשן, און פארקריפלט אויפ'ן וועג עקאנאמיעס פון די מעכטיגסטע מדינות.

ס'איז ווי א ווינק פון אויבן צו זיין מער אפגעהיטן איבער וואס מ'נעמט אריין אין מויל! גבולות חלק הקב"ה בעולמו, אן ערליכער איד האט אלץ געלעבט מיט גבולים, אן ערליכער איד האט אלץ געלעבט מיט פרינציפן. מ'פלעגט נישט זאגן "נע, דאס דארף נישט קיין השגחה..." נאר מ'פלעגט פרעגן "ווער גיט אויף דעם א השגחה?!"

ס'איז קלאר פאר יעדן וואס איז אויסגעקאכט אין די כשרות פעלד, אז אזויפיל זאכן וואס קוקן אויס אויבנאויף צו זיין נייטראל, וואס מענטשן כאפן נישט אז דאס זאל קענען זיין פארבונדן מיט כשרות פראגן, ווערן היינט פאבריצירט דורך די פארגעשריטנסטע מעטאדן, וועלכע ברענגען אויף א געוואלד מיט שאלות אויפ'ן וועג, און דארפן א השגחה מעולה.

אט די דאזיגע אנטוויקלונג פון דער צייט האט געברענגט ווענדונגען פון די משגיחים וועלכע זענען אויפ'ן פראנט, אבזערווירנדיג די פאבריקן און עסן אינסטיטוציעס, ווי אויך ווענדונגען פון ועדי כשרות פון קהילות הקודש און היימישע הויפן, וועלכע שטייען אין כסדר'דיגע פארבינדונג מיט'ן "מערכת הכשרות", צו אדרעסירן די פרישסטע נייע מציאות'ן, וואס מ'דארף אלץ אינאכט נעמען כדי צו קענען אנהאלטן די הויכע כשרות ניווא פון קאמערציעלע קיכן אין עפנטליכע ערטער.

פון איבעראל איז דא פארלאנגען צו אדרעסירן דעם ציבור איבער די ענינים פונעם שדה הכשרות, כדי דער עולם זאל בעסער פארשטיין און ארויסהאבן וויאזוי זאכן גייען צו אין דער וועלט פון עסן פראדוקציע, און ווען מ'וועט עטוואס ארויסהאבן וויאזוי זאכן ווערן געמאכט און וואס דאס נעמט אלץ אריין, וועט עס בעז"ה ברענגען אן אויפוואכונג אז מ'זאל מער נזהר זיין און טראכטן צוויי מאל איידער מ'נעמט א מאכל אין מויל אריין.

די "כשרות" אויסגאבעס וועלכע זענען ערשינען דורכאויס די לעצטע יארן האבן געהאט א פאזיטיווער אפרוף. דער ציל פונעם "מערכת הכשרות" איז נאך מער צו פארשענערן און פארברייטערן די אויסגאבע מיט קאלירפולע אפטיילונגען און אפהאנדלונגען, און תוכנ'פולע רובריקן. ווי אויך וועט עס בעז"ה ערשיינען מער אפטער און דינען אלס ריכטיגער כלי מחזיק ברכה, אלס אן אויסגעהאלטענע ווינקל פון ידיעות און אינפארמאציע פאר'ן ציבור המדקדקים.



מתוך שיחת הגה"צ רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א

# לכתחילה'דיגע כשר בלוט...

איך בין געפארן אמאל מיט מיינע קינדער און אייניקלעך אויף א שבת קיין מירון, און אויפ'ן וועג האט אויסגעפעלט אז מען זאל זיך אפשטעלן עפעס איינקויפן צו עסן און טרינקען.

עס מאכט זיך ביי יעדן מענטש אז ער דארף זיך אמאל אפשטעלן אונטערוועגנס, אבער יעדער ווייסט אז דארט וואו מען פארקויפט פראדוקטן מיט דעם הכשר וואס מיר ניצן דעמאלט קען מען קויפן און וואו ס'איז נישטא אונזער הכשר קויפט מען נישט. מען געוואוינט זיך צו אז דאס איז עס, מ'קען דא נישט קויפן. העכסטנס וועט מען אפאר שעה נישט האבן וואס צו טרינקען. ס'וועט גארנישט געשען.

אונטערוועגנס טויגט זיך נישט גארנישט און זאכן ווערן נישט גרינגער. וואס עס איז כשר אין שטוב, איז כשר אין דער פרעמד. און דאס זעלבע איז פארקערט.

עס זענען דא מענטשן וואס אין שטוב וועלן זיי מדקדק זיין און אריינברענגען נאר די בעסטע הכשרים, אבער אין דער פרעמד וועט מען מקיל זיין.

איז דען דארט פארהאן אן אנדערער רבוש"ע חלילה...

יעדער איד דארף אכטונג געבן וואס ער עסט, ווייל וואס ער עסט ווערט בלוט, און טאמער דאס עסן איז כשר אינגאנצן לכתחילה, דעמאלט איז דאס בלוט כשר, און טאמער ער נעמט הכשרים וואס איז בדיעבד, דעמאלט ווערט דאס בלוט זיינע אויך בדיעבד.

איי איי איי... און ווען דאס בלוט פונעם מענטש איז בדיעבד'דיג, אוי, דעמאלט דערהערט ער נישט קיין עבודת ה', ער צעפלאקערט זיך נישט ביי קיין מצוות. און דאס איז דער גאנצער סוד...

דאס וואס עס מאכט זיך נעבעך ביי אסאך עלטערן אז די קינדער גליטשן אוועק און מען פאלט אוועק פון גראדן וועג, קען גאר זיין צוליב דעם וואס מען געט נישט אזוי אכטונג אויף די הכשרים, מען עסט בדיעבד'דיגע הכשרים.

די בעסטע הכשרים דארפן האבן סייעתא דשמיא עס זאל זיין א לכתחילה, נישט קיין בדיעבד.

וואס הייסט אז עפעס איז כשר בדיעבד?!

> איי איי איי... און ווען דאס בלוט פונעם מענטש איז בדיעבד'דיג, אוי, דעמאלט דערהערט ער נישט קיין עבודת ה', ער צעפלאקערט זיך נישט ביי קיין מצוות. און דאס איז דער גאנצער סוד...

כשר בדיעבד, איז א בדיעבד'דיגער מענטש!

ביי גשמיות זוכט מען נישט בדיעבד, מען נעמט די שענסטע און די בעסטע. ליידער ווען עס קומט צו א רוחניות'דיגע זאך, דאן באגנוגנט מען זיך מיט א בדיעבד. ועיר האלקים מושפלת עד שאול תחתיה.

דער אר"י הק' פרעגט, ווי אזוי קען זיין אז יוחנן כהן גדול, א איד וואס אכציג יאר איז ער אריין אין קודש הקדשים, וואס דאס מיינט אז ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאן, ער איז שוין דאן געווען אריבער הונדערט יאר, ווי אזוי ווערט מען א צדוקי נאך אכציג מאל ארייגגיין אין קודש הקדשים?!

זאגט דער אר"י הק', אז ער האט געגעסן עפעס א מאכל וואס איז נישט געווען אזוי איי איי. און דארטן איז געווען מגלגול אן אדם רשע און דאס האט אים אראפגעפירט פון וועג.

פון איינמאל עסן א זאך וואס איז נישט אזוי יום טוב'דיג קען מען אראפפאלן פון וועג. אפילו א כהן גדול וואס גייט אריין אכציג יאר אין קדשי קדשים! וויפיל דארף יעדער מענטש אכטונג געבן אין שטוב אז אלעמאל, אין אלע אומשטענדן, נעמט ער דעם בעסטן הכשר.

אין יעדער שטאט זענען דא די בעסטע הכשרים, און אז נישט קויפט מען עס נישט. ס'וועט גארנישט געשען, ס'וועט גארנישט פאסירן. מען מוז נישט אלעס האבן און עסן.

מיין טאטע זצ"ל האט מיר געזאגט, אז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט קיינמאל נישט געשמעקט קיין טאביק און נישט גערייכערט קיין ציגארעס. ער האט געזאגט:

"מילא עסן, נו, א מענטש מוז עסן. אפילו ס'איז א תאוה, ס'איז טאקע א געשמאק, אבער וואס קען מען טון, מען מוז עסן. אויב א מענטש עסט נישט ווערט ער שוואך, ווייל די כוחות גייען אוועק פון אים. אבער טאביק מיט ציגארעס קען מען לעבן אן דעם, צו וואס דארף מען עס האבן?!"

איך קלער אריין, איך זאג נישט אז מען זאל אויפהערן צו רייכערן. ס'איז דא מענטשן וואס דער ציגאר פעלט זיי אויס פאר שלוות הנפש מער ווי עסן. איך גיי נישט אריין אין דעם. דאס איז נאר א ביישפיל, א דוגמא.

יעדער מענטש דארף האבן א זאך וואס ער דארף קענען זיך איינהאלטן כאטש עס ציט אים. לאמיר זאגן ער נעמט א שאקאלאד. די סארט שאקאלאד, דאס עס איך נישט, ווייל איך וויל מקיים זיין "קדושים תהיו". איין צוקערל וואס מען דארף, איך גיי עס נישט עסן. דערמיט איז מען מקיים א מצות עשה דאורייתא פון קדושים תהיו.

רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות און אז דער מענטש שטעלט נישט אראפ קיין גדרים און סייגים וואס ער עסט יא און וואס נישט, דעמאלט קומט אויס אז דער מענטש איז קיינמאל נישט מקיים די מצוה.

און דאס איז נוגע צו גאנץ כלל ישראל, מענער, פרויען און קינדער. די פרשה האט מען איבערגעגעבן בהקהל פאר גאנץ כלל ישראל, און מיט דעם ווערט מען גלייך אזוי ווי דער אייבערשטער. דאס איז נישט א פשוט'ע זאך.

ס'איז דא א ווארט פון די סלאנימער רבי'ס אויפ'ן פסוק אין פרשת קדושים 'איש אמו ואביו תיראו'. 'אמו' איז אויף אידיש מוטער, 'אביו' איז אויף אידיש פאטער, האט ער געזאגט: איש אמו, פאר'ן מות"ר, 'אביו', און פאר'ן פטו"ר, ס'איז פטו"ר, 'תיראו', אויף דעם זאלט איר ציטערן. דער מות"ר מיט'ן פטו"ר, אוי אוי אוי, אויף זיי זאלט איר אכטונג געבן! דאס איז קדש עצמך במות"ר לך, דאס איז נישט א פשוט'ע זאך!

זאל דער אויבערשטער העלפן אז אין זכות וואס מיר געבן אכט אויף דאס וואס מיר נעמען אריין אין מויל, מיר עסן נאר פון די בעסטע הכשרים, הכשרים וואס זענען א לכתחילה, זאלן מיר זוכה זיין צו ערציען ערליכע, אידישע און לעכטיגע קינדער, בנים נאמנים לה' ולתורתו, מיט לכתחילה'דיגע כשר בלוט, אזוי וועלן מיר זוכה זיין זיך צו מדבק זיין אינעם אויבערשטן און זיין הייליג און אפגעהיטן אלעמאל.

**הרב אהרן פעדער**
מחברי מכון "מורשת חכמי אמעריקע"

# כשרות אינעם לעצטן יאר-הונדערט

דאס אידישע פאלק, דער עם קדוש, האט ביים מקבל זיין די תורה הקדושה מסיני, אנגענומען איינע פון די הייליגסטע געבאטן: צו היטן זיך אז דאס עסן וואס מ'נעמט אריין אין מויל זאל זיין "כשר" און הייליג.

זייענדיג אזא לעבנסוויכטיגער ענין, האט די טעמע פון כשרות גאר שטארק באשעפטיגט די גדולי הדורות וועלכע האבן זיך דורכאויס אלע יארן געמאטערט דערמיט. צי דאס איז געווען אינעם ענין פון שטיין איבער שחיטת הבשר והעופות, אדער צו פסק'ענען די שאלות פון אידענעס איבער דער כשרות פון א לעפל אדער א טעפל, און באטראכטן א פליגל אדער א דיכטל. אפט מאל זענען זיי געווען פארמישט צו שרייבן תשובות אין דער טעמע פון כשרות וואס האט ארומגענומען די גאנצע אידישע וועלט.

ס'זענען דא אומצאליגע דערציילונגען וויאזוי די פארצייטישע רבנים האבן זיך אראפגעלאזט צום מצב פונעם שואל, און צומאל געדארפט באווייזן דעם כוחא דהתירא כדי נישט מחמיר צו זיין אויפ'ן חשבון פון הפסד מרובה אד"ג. מ'האט געבויט אויף 'נאמנות', 'נותן טעם לפגם', 'נ"ט בר נ"ט', 'ששים', 'ביטול ברוב'



> למשל קאכן כשר פלייש אינאיינעם מיט מילך איז בלויז כשר, ווייל סיי די פלייש און סיי די מילך זענען באזונדער 'כשר', נאר אינעם טאפ ווערן זיי אויסגעמישט און ס'ווערט בשר בחלב. אבער 'סטריקטלי כשר' וועט טאקע לדוגמא אויך דאס נישט טון, ד.ה. זיי וועלן זיך אפהאלטן אפילו פון קאכן כשר'ע פלייש אינאיינעם מיט כשר'ע מילך...

און אנדערע הלכה'דיגע אספעקטן מיט וואס די ספרי הלכה זענען פול, ספעציעל די ספרי שו"ת פון די גאוני הזמן.

אבער עווענטועל איז געשאפן געווארן אן אלוועלטליכער טויש אין דעם גאנצן צוגאנג, אז פון דער פערזענליכער איבערגעגעבנקייט פון רבנים צו דער טעמע פון כשרות, איז מיט דער צייט עטאבלירט געווארן א פראפעסיאנעלע פעלד פון "כשרות", וואו די גרעסערע רבני'שע קערפערשאפטן בכל תפוצות ישראל האלטן א וואכזאם אויג אויף די עסן פירמעס און פאבריקן.

## די עטאבלירונג פון "השגחה"

בשנים קדמוניות איז געווען דער סדר אז יעדער האט צוגעגרייט די טעגליכע מאכלים ביי זיך אין שטוב, מיט פראדוקטן וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט אינעם לאקאלן מארק, און פלייש וואס ער האט גע'שחט'ן ביים שוחט פון קהל. און ווי דערמאנט, אויב האט זיך געמאכט א שאלה האט מען זיך געווענדן דערמיט צום רב וואס האט עס באהאנדלט לפי ראות עיניו, און אזוי האט ער צוגע'פסק'נט להלכה וויאזוי מ'זאל זיך פירן לאיסור אדער להיתר.

אויב האט מען גערופן אנדערע אידן אויף געסטערייי אדער אויף א שמחה, האט מען געוואוסט אז ביי א צווייטן איד קען מען עסן אן קיין חשש, ווייל יעדער איד האט א חזקת כשרות.

אין לויף פון די יארן ווען די וועלט האט זיך מער מאדערניזירט און איז געווארן אלץ מער פארגעשריטן, זענען נאכאנאנד אויפגעקומען גרויסע פאבריקן וועלכע האבן אנגעהויבן פראדוצירן די אלע גאנגבארע ארטיקלען פונעם טעגליכן געברויך אויף א מאסיוון פארנעם. אזוי האבן זיך צוביסלעך אריינגערוקט אינעם מארקעט נייע עסן פירמעס וועלכע האבן צוגעשטעלט ריזיגע קוואנטומען פון פראדוקטן. די פארגעשריטנקייט פונעם לעבן האט אויך געברענגט דערצו אז ס'איז גרינגער געווארן צו עקספארטירן און אימפארטירן פראדוקטן צווישן פארשידענע לענדער.

## תעודת הכשר און חזקת כשרות

די נאמנות וואס אידן האבן געהאט איינער ביים אנדערן איז ווייטער אנגעגאנגען און מ'האט געוואוסט אז אויב איז דער בעה"ב פונעם פאבריק א איד, דאן איז נישטא וואס חושש צו זיין אין די כשרות המאכלים. אבער אויף עקספארט פון וויין, און שפעטער אויף פסח'דיגע פראדוקטן, האט מען שוין יא געוואוסט צו שטעלן עטוואס עפעס א השגחה, כדי צו פארזיכערן אז דאס וואס מ'שטעלט צו אונטער'ן זיגל פון 'כשר לפסח' איז פאקטיש אזוי. דערפאר געפינען מיר שוין דעם געדאנק פון א 'תעודת הכשר' אזוי פרי ווי אין די תק"ל יארן, און מסתמא איז דאס שוין אנגעגאנגען פיל פריער פון דעם.

אין געווענליכע תעודות כשרות פון יענע יארן ווערט פעסטגעשטעלט אז די רבנים האבן באזוכט אין די באשטימטע פאבריקן און ס'איז נישטא וואס זיך צו זארגן ווייל ס'איז ישראל עומד על גביהם, דער בעל הבית פון דער פירמע איז א איד א ירא שמים, און האבנדיג א חזקת כשרות איז נישטא וואס חושש צו זיין אין אזא פאל.

מיט דער צייט האט מען אנגעהויבן צו הערן באמערקונגען פון אידן המדקדקים בכשרות, מיט פארשידנארטיגע קריטיק איבער דער כשרות, אז ס'איז נישט ווי עס באדארף צו זיין, אבער די רבנים האבן נישט געגלייבט אז ס'קען מעגליך זיין אזא מציאות אז אויך ערליכע אידן זאלן נכשל ווערן און אויסנארן אנדערע אידן אינעם ענין פון כשרות.

דעריבער האבן זיי נישט אנגענומען די שמועות, און זיי האבן געגלייבט נאר וואס זייערע אויגן האבן געזען.

מיר געפינען אין איינעם פון די ספרי שו"ת וואו דער פראבלעם איז זייער קלאר ארויסגעברענגט געווארן: "רוב הכשרים עלולים למכשולות גדולות ע"י שסומכין על המשגיחים אשר בעלי הפאבריקען יוכלו להטעותם שלא ידעו מאומה מה הן עושין בין ימינם לשמאלם, ולא רבים יחכמו להבין תחבולות התגרים ומעשה המכונות והפאבריקען, אבל גם בדבר שאין מקום לטעות והנותן ההכשר הוא איש חכם וירא שמים ומשים לבו לעשות הכל על צד היותר טוב, מכל מקום עבור הסוחר שמסחרו וחיותו תלוי בזה אי אפשר להחמיר יותר מהדין, ומי לא יודע שאין לדמות מה שנעשה עבור המדקדק במעשיו ונזהר בחומרות ופרישות יתירה להנעשה עבור התגרים שהכל אצלם הפסד מרובה וביטול משא ומתן".

די נושא האט ארויסגערופן קעגנזייטיגע דיעות, ווען יעדער רב נעמט זיך אן זיין מהלך, און וואס דער איז מתיר האט א צווייטער גע'אסר'ט, אא"וו. אבער דער מציאות האט געפאדערט צו ברענגען יסודות'דיגע תיקונים אין דעם ענין פון כשרות. די רבנים זענען צוביסלעך געווארן מער באהאוונט איבער דעם וואס ס'שפילט זיך פאקטיש אפ אין די פאבריקן, וויאזוי זיי ווערן געפירט, ואין חכם כבעל נסיון.

אין תרמ"א ביי דער באקאנטער שערוריה איבער דער כשרות פון דער 'צוקאריע' (א סארט קאווע ערזאץ), וואס רוב גדולי ישראל זענען געווען דערין פארמישט, איז דאן אנגענומען געווארן פה אחד אז מ'טאר נישט נוצן קיין צוקאריע וואס פארמאגט נישט קיין תעודת הכשר.

ווייטער אין שנת תרמ"ח זענען גדולי ישראל אין גאליציע ארויסגעקומען


ליצנות אויפן חשבון פונעם רב הכולל'ס כשרות פלאמבע די כוללישער קאראבקע


# הודעה מבי"ד הגדול בנויארק.

הודעה פונעם רב הכולל'ס בית דין קורצליך נאך זיין אנקום מיט א ליסטע פון געשעפטן וואס זענען אונטער זייער השגחה


# על פסח.

לכה נא עמי איש ישראל השומר פיו ולשונו, אשר מאנה לנגוע נפשו ביין חלו בו ידים, ידי עשו, אל ביהי, אנהגך אביאך בחנות פתוח, אשקך מיין הרקח, ממשקה ישראל, מן המותר לישראל, מעסים אשר הוכן בהכשר ויתרון, והשתיה בדת ודין, ומאז באתי להודיע ע"י ‚המגיד' כי לא יחסר המזג:

**Ungerwein, Rothwein, Franz-, Muskat- und Süsswein, Meth, Branntwein, Liqueur, Spiritus, Weinessig etc.**

לפסח, ולכל ימי השנה, עוד הרחיב ה' את גבולי ומסחרי פרץ מעירי החוצה, עד היום הזה העידותי בי את אדמו"ר הרב הגאון הצדיק מו"ה מנחם מענדל לעווענשטאמם נ"ע ראב"ד פה יע"א, עתה כי כבה נר ישראל, יתנו בד"צ עדיהם על יושר דרכי, אך אזכרה כי יצאה נפש הרב זצ"ל בקדושה וטהרה בהוכיחו לבלתי קנות יין פסח מכל מוכר וסוחר אשר לו תעודת הכשר מאחד הרבנים; אם לא נודע לנו לאיש הירא את ה', ואם השתות יהרס, צדיק מה פעל במוסר השכל, על כן פנו אלי ותשיגו כל משקים בתכלית הכשרות וטעמם ירוה נחת וענג את חיך השותה.

פאזען, שנת בא ליין ושכר לפ"ק.

מאיר האמבורגער

בל"א אמו"ר הרב המאור הגדול החסיד מו"ה מרדכי זצ"ל מליססא, וחתן הרבני הנגיד חרוץ ושנון מו"ה צבי הירש נייפעלד נ"י.

**Meyer Hamburger,** Judenstr. 27, Posen.

השתו"ת יהרס צדיק מה פעל - פוזנא תרכ"ט

מיט אן אפמאך אז מ'טאר נישט טרינקען קיין אונגארישע ווײן וואס ווערט אימפארטירט, נאר אויב ס'האט א תעודת הכשר.

אבער ס'זענען נאך אלץ געווען מערערים דערויף, אז די תעודת הכשר איז נישט גענוג, וויבאלד די בעלי בתים זענען נישט אלעמאל ערליך און זיי קענען גרינג פארנארן. מ'געפינט פילע קעגנזייטיגע בריוו אין דער ארטאדאקסישער צייטונג 'מחזיקי הדת' איבער דעם.

דעריבער זענען געווען רבנים וואס האבן געמאכט א תקנה אז ס'איז נישט גענוג בלויז צו געבן א השגחה מיט א תעודת הכשר, נאר אויך אז דער בעל הבית פונעם פאבריק מוז טאקע זיין מוחזק אלס אן ערליכער איד.

מיר געפינען אזוי אין דער שטאט פוזנא וואו דער ארטיגער רב האט באשטימט א תקנה אז ס'מוז זיין בײדע. אין א רעקלאמע פונעם ווײן סוחר ר' מאיר האמבורגער משנת תרכ"ט טוט ער רעקלאמירן זיין ווײן מיט א געלונגענער מליצה: "כי השתו"ת יהרסון צדיק מה פעל", אויב די ווײן-טרינקערס וועלן נישט איינהאלטן די תקנה וואס דער פריערדיגער רב האט מתקן געווען, דאן וואס האט ער אויפגעטון מיט זיין הוראה?!

## השגחה אויף דברים שבקדושה

מיט דער צייט האבן די רבנים איינגעזען אז ס'איז וויכטיג צו האבן א השגחה נישט בלויז אויף עסנווארג, כדי צו באהיטן דעם ציבור פון מאכלות אסורות, נאר אויך אויף פארשידענע דברים שבקדושה פאדערט זיך א פאסיגע השגחה, וואס אן דעם קען מען חלילה פארנארט ווערן און נישט אויספירן די מצוות כתיקונם. אין תרס"ו האבן גדולי ארץ ישראל געשריבן קיין חוץ לארץ אז מ'זאל נאר קויפן ארץ ישראל'דיגע אתרוגים וואס פארמאגן מיט זיך א תעודת הכשר צו פארזיכערן אז ס'איז נישט מורכב.

אזוי אויך געפינען מיר א 'קול קורא' פון יאר תרס"ח וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך פילע גדולי ישראל, צווישן זיי דער אהבת ישראל מוויזשניץ, דער בערזשאנער רב, דער חוסטער רב בעל ערוגת הבשם און נאך, וואו זיי רופן דעם ציבור נישט צו קויפן ציצית פון קיין שום פאבריק, נאר פון דעם וואס האט א פארלעסליכע השגחה דורך א רב מובהק.

דורכאויס די יארן איז באקאנט געווארן פילע פירצות וועלכע האבן אויפגעשטורעמט די וועלט און גערופן צו א פארבעסערונג אינעם מצב הכשרות. די אלע שערוריות האבן צוביסלעך געברענגט דעם מצב צו א פארבעסערונג און געגעבן די עקספערטיז פאר די ערליכע רבנים און המון עם צוגלייך בנוגע וואו ס'שאפן זיך לעכער אין די ענייני הכשרות און וואס מ'דארף פארריכטן.

## כשרות סקאנדאלן אין אמעריקע

אמעריקע איז געווען אן ארץ החדשה, מיט טויזנטער אימיגראנטן וואס האבן זיך צוביסלעך איינגעגלידערט אין דער מדינה. כאטש


4 מחזיקי הדת גליון 43

ב"ה **קול קורא** שלא לקנות ציצית משום איש בלתי הכשר מרב מובהק

העתקה ממכתבים מגדולי רבנינו

דוד פרענקל האבד"ק הנ"ל

מחזיקי הדת 28 אוגוסט 1908

ס'האבן אויך אריינגעוואנדערט פילע רבנים און גרויסע תלמידי חכמים, האט אבער געדויערט לאנגע יארן אז מ'זאל זיך עטוואס קענען פאראייניגן אונטער א הנהגה. דעריבער האבן אידן גענוצט דעם אלטן כלל פון חזקת כשרות, אז ביי א צווייט איד קען מען אלעמאל עסן און קיין חשש. ס'איז אפילו געגאנגען מיט אן אמעריקאנער שלאג-ווארט אז "אויב הייסט ער מענדל, דאן קען מען עסן פון זיין פענדל".




סטריקטלי כשר געשעפט אין די איסט סייד פון ר' אלעזר זאהן פמעזבוז

אבער דאן אין תרמ"ח האט די 'אגודת הקהילות' געברענגט קיין ניו יארק דעם 'רב הכולל' רבי יעקב יוסף זצ"ל. ער האט גלייך געשאפן א מהפכה, און זיך אריינגעלייגט מיט אן אייפער אין דעם נושא פון כשרות וואס האט אים ליידער געקאסט דאס געזונט און ער איז עוועטואל פריצייטיג נפטר געווארן ר"ל. דאך, זיין ארבעט האט געהאט א השפעה אויף לאנגע יארן.

דאס ערשטע פעלד וואו דער רב הכולל האט אריינגעטרעטן איז געווען אין דעם ענין פון שחיטה. דאס איז געווען ממש גלייך ביי זיין אנקום. ער האט געשטעלט דעם 'בית דין בניו יארק' צו פארזיכערן אז ס'איז דא א השגחה אויף שוחטים אז זיי טוען זייער ארבעט אויסגעהאלטן עפ"י דין תורה.

ער האט זיך אנגעשטויסן אין שוועריגקייטן פון דער ערשטער מינוט, ווען די פארגרעבטע בעלי בתים האבן פרובירט צו פארלויפן דעם וועג פאר'ן בית דין און שטעלן שטרויכלונגען אויף טריט און שריט. דער רב הכולל איז קוים דאהי' געווען איין חודש צייט, ווען ער האט שוין געהאט אן אומגעהויערע קעגנערשאפט, סיי מצד די בעלי בתים וואס האבן געזען וויאזוי זייער מאנאפאל גייט אונטער, און סיי פון פארשידענע רבנים וואס האבן געהאט קנאה געפילן און געזען אינעם רב הכולל א קאנקורענט.

דעם רב הכולל'ס שונאים וואלטן סייווי געפונען עפעס הארבע באשולדיגונגען קעגן דעם נייעם רב, בכדי נישט צו דערלויבן זיין שטייפע השגחה איבערצונעמען די פלייש מארקעט. אבער ווען דער רב הכולל איז ארויסגעקומען מיט זיין געדאנק פון שטעלן א 'פלאמבע' אויף יעדן שטיקל פלייש וואס איז גע'שחט'ן געווארן אונטער דער אויפזיכט פון זיין השגחה, האט עס ארויסגערופן אזא שטורעם וואס האט כמעט גענצליך אונטערגעבראכט דעם רב הכולל'ס מאכט.

א 'פלאמבע' איז אזא סארט מעטאלענע קנעפל וואס מ'קען פארשליסן. אין די אלטע צייטן פלעגן די שטייער באאמטע דאס ארויפשטעלן אויף פראדוקטן וואס זענען געווען שטייער-באצאלט. ווען דער 'רב הכולל' האט פראקלאמירט אז כשר'ע פלייש מיט דער השגחה פונעם 'בי"ד הגדול בניו יארק' וועט קאסטן מיט א צענט טייערע, האט מען זיך דערויף ארויפגעכאפט און עס געגעבן דעם שענדליכן נאמען 'קאראבקע', דער אפיציעלער טערמין פון שטייער אפצאל אין רוסלאנד.

גרויסע אסיפות זענען פארגעקומען וואו ס'האבן אויפגעטרעטן פארשידענע רבנים און גערופן די מאסן צו פראטעסטירן קעגן דעם רב הכולל'ס געדאנק. זיי האבן ארויסגערוקט פארשידענע טענות קעגן אים, אבער דער אמת'ער פראבלעם וואס זיי האבן געהאט איז געווען אז זיי האבן זיך געשפירט באדראעט מיט'ן אנקום פונעם רב הכולל.

אין יענער צייט זענען געווען אין ניו יארק פילע רבנים וואס זענען געקומען פון אייראפע. טייל פון זיי האבן געקלערט אז היות אמעריקע איז א נייע מדינה וועלן זיך דארט מאכן רבנ'ישע שטעלעס וואס זיי וועלן קענען עררייכן, אבער דער אנקום פונעם רב הכולל און זיין פרואוו צו פאראייניגן די גאנצע שטאט אונטער איין קערפערשאפט האט דאס אלעס געקענט צוגרונד לייגן, ווייל זיי וואלטן נישט געהאט די אייגענע שליטה. צוליב דעם האבן זיי זיך צוזאמגעשטעלט מיט דעם ניי געגרינדעטן 'היברו פולטרי דילערס אסאסיאיישאן', און מיט די פראסטע לייט פרובירט אונטערצוגראבן דעם כח פונעם רב הכולל.

דאס האט געברענגט א שרעקליכער חורבן און פירצה, ווייל נישט בלויז דער המון עם האט ארויסגעוויזן גרינגשעצונג כלפי דעם רב הכולל, נאר אויך די רבנים האבן מזלזל געווען אין דער הויפט אויטאריטעט



# א קאראבקע אויף פיש.

מיר האבען ערפאהרען אז קירצליך וועט שטעהען פיש אונ־טער דער השגחה פון דיא כולל־פירמא. יעדער פיש וועט טראגען א פלאמבע צו צייגען אז ער איז כשר אונד אז מאן האט איהם ניט געפאנגען אם שבת. פיר דיזע כולל'שע השגחה וועט מאן נור צאהלען מיט איין סענט אויף'ן פונט פיש טהייערער.

פארוואס ניט? נאיירק האט שוין זוכה געווען צו זעהן ארט־האראקסישע האהנער אונד היהנער וויא אויך ארטהאראקסישע בהמות... אלזא פארוואס זאללען מיר ניט האבען ארטהאראקסישע פיש אויך? דיא פיש אלליין וועלן אויך צופריעדען זיין פון דיזע קאראבקע, ווארום דיא כולל'שע פלאמבע וועט זייא מאכען פאר צדיקים אונד זייא וועלן מעהר ניט דארפען ציטטערן אין וואסער ווען עס קוממט דער מורא'דיקער חודש אלול.

יעטצט פעהלט נאך א שטיקעלע קאראבקע אויף איידקרים אונד שמעק־טאבאק.

ליצנות אויפן חשבון פונעם רב הכולל'ס כשרות פלאמבע - די כוללישער קאראבקע



אודיע פעם שניה אשר הגארזיעלנע החדשה שעשו אצלי בכפר גאזליען השותפים נכד הרב המאה"ג הגאון הצדיק זצללה"ה מקאצק עם נכד הרב המאה"ג הגאון זצללה"ה מגור, נעשה בהכשר גדול מאוד היינו אשר כל כלי נחושת וכל הכלים עשו בע"מ ישראלים מקאזניץ ויש עליהם הכשר מהב"ד דק"ק קאזניץ אשר הבע"מ ההם יראים ונאמנים מאוד, וגם דבר חדש יש בגארזעלני ההוא אשר כל הזייגערס שהמה בגארזיעל־נעם מן הרזאנד שמראים המדה מי"ש מנסים אותם מקודם עם יי"ש חמץ לידע אם אמת הוא והזייגער אשר הוא בגארזיעלני הלז היכשיר בפני הרב המאה"ג מסאבין כדין וכד"ת כמו כל כלים חמוצים על חג הפסח, ועל זה יש ת"י הכשר מהרב הגאון הצדיק שליט"א מן נאשעלסק כאשר ראה את הנעשה בזייגער ע"י הרב מסאבין אמר בפירוש אשר דבר גדול וחשוב בעיניו זאת והוא בעצמו ישתה בחג הפסח מן האקוויט הלז וכן כתוב בהכשר שלו שיש ת"י, ע"כ אודיע אשר יש לי הכשרים גדולים על הגארזעלני הלז היינו מהרב המאה"ג צדיק הדור שליט"א מגור, ומהרב המאה"ג צדיק הדור שליט"א מפארסיב ומהרב המאה"ג שליט"א מקאליש ומהרב המאה"ג שליט"א מקוטנא ומהרב המאה"ג שליט"א מנאשעלסק ומהרב המאה"ג מקאזניץ ומהרב המאה"ג ק"ק סאבין וכל מי שירצה שיהא לו אקוויט מהגארזעלני הלז יתודע אצלי על אדרעסס שלי ואשלח להם הכשרים מהנ"ל בהעתקה.

מענדעל בלאסס ובלי"א.

M. Blass, in Staneja Pilawa, Nadwislanski Eisenbahn.

כשר לפסח תעודה אויף די ברוינפען ברענעריי פון נכדי הצדיקים מקאצק און גור

און דערמיט צעבראכן דעם גאנצן כח פון דער השגחה, פירנדיג צו נאכאנאנדיגע שערוריות און נאכאנאנדיגע אומערפאלגרייכע תיקונים.

ס'זענען געשאפען געווארן פילע ועדי הכשרות אין אלע געגנטער פון ניו יארק און פילאדעלפיע און אנדערע אידישע צענטערן, וואו איינער איז געווען מער אדער ווייניגער אומערפאלגרייך. אפילו דער 'קאשער ביל', א געזעץ אין ניו יארק סטעיט וואס איז אריבער אינעם אסעמבלי אין יאר תרע"ה, וועלכע האט באשטימט אז ס'איז א קרימינאלע אקט צו פארקויפן פראדוקטן מיט א פאלשן כשרות סטעמפל, האט אויך נישט געברענגט צופיל ארדענונג אין דעם היניזכט.

מיט די יארן האט זיך די כשרות לאגע אין אמעריקע צוביסלעך פארבעסערט, בפרט ווען ס'איז אנגעקומען קיין אמעריקע הגה"ק מצעהלים זצ"ל וועלכער האט געלייסטערט גדולות ונצורות צום אויפבוי פונעם ערליכען כשרות אפאראט אין אמעריקע, און שפעטער מיט דער גרינדונג פונעם מערכת הכשרות פון התאחדות הרבנים, דורך אונזערע רבי'ס די פליטי הגולה יוצאי אונגארן, אין שפיץ פונעם שר צבא ה' הרה"ק מרן מהר"י ט"ב מ'סאטמאר זי"ע גאב"ד ירושלים עיה"ק תובב"א.

אגב, ס'איז אנגענומען ביים המון אז נאר אין אמעריקע אין די צייטן פונעם רב הכולל איז געווען דער מצב אזוי קאטאסטראפיש, אבער בשנים כתיקונם, על אדמת אייראפע וואו רבנים האבן געהאט א כח, איז אלעס יא געווען כשר וישר. דער אמת איז אבער אז אין גרויסע שטעט וואו ס'האבן געוואוינט טויזנטער אידן, ווי איןווארשע, קראקע און לעמבערג, האט די ארטיגע רבנות פירערשאפט זיך שווער געספראוועט מיט דעם ענין פון כשרות און טאקע אויך צוליב דער זעלבער סיבה, נעמליך דער פחד פון קאנקורענץ, וועלכע האט געמאכט דעם עולם פארלירן זייער צוטרוי אין די רבנים.

## 'סטריקטלי כשר'

איבער דעם מצב הכשרות אין אמעריקע איז שוין געשריבן געווארן זייער אסאך, און מ'קען נאך שרייבן פיל מער, ס'איז ממש כמים שאין להם סוף. בימים ההם איז געווען פארשפרייט אין אמעריקע אז אויף פארשידענע געשעפטן איז געווען אויפגעשריבן 'סטריקטלי כשר' און אויף אנדערע בלויז 'כשר'. איז געווען אן ערליכע צייטונג וואס איז ארויס אין ניו יארק מיט'ן נאמען 'שוחטים שטימע', און דארט איז סארקאסטיש באשריבן געווארן איבער דער נפקא מינה צווישן די צוויי ווי פאלגנד:

"למשל קאכן כשר פלייש אינאיינעם מיט מילך איז בלויז כשר, ווייל סיי די פלייש און סיי די מילך זענען באזונדער 'כשר', נאר אינעם טאפ ווערן זיי אויסגעמישט און ס'ווערט בשר בחלב. אבער 'סטריקטלי כשר' וועט טאקע לדוגמא אויך דאס נישט טון, ד.ה. זיי וועלן זיך אפהאלטן אפילו פון קאכן כשר'ע פלייש אינאיינעם מיט כשר'ע מילך..."

מיט א שטיק צייט צוריק האט די פוילישע רעגירונג געוואלט מאכן א געזעץ צו פארבאטן דעם עקספארט פון כשר פלייש איבער דער וועלט. וואס אזא געזעץ מיינט פאר'ן חרדי'שן ציבור איבער דער וועלט איז איבריג מסביר צו זיין. ס'איז גענוג צו דערמאנען אז די גרעסטע כשרות ארגאניזאציעס איבער דער וועלט שחט'ן זייערע בהמות אין פוילן, ווען צווישן זיי ציילט זיך אויך דער ועד הכשרות פונעם "עדה החרדית".

כדי צו פארשטיין פון וואס מ'רעדט, גיט נאר א קוק אויף די אפיציעלע נומערן. לויט די נומערן קומט אויס אז ס'ווערט עקספארטירט פון פוילן צו אידן איבער דער וועלט איבער איין און א האלב ביליאן פונט ווערד פון פלייש!

וויפיל מ'האט פרובירט מסביר צו זיין פאר דער פוילישער רעגירונג אז דאס וועט שעדיגן זייער עקאנאמיע, און טויזנטער איינוואוינער וועלן פארלירן זייערע דזשאבס, איז דאס אבער געפאלן אויף טויבע אויערן.

כ'בין דאן אויפגעקומען מיט א געניאלן בייפאל, און ביי אן אויפטריט אינעם ארטיגן פארלאמענט האב איך צו זיי גע'טענה'ט אז היות הרב שודריך איז דער הויפט רב פון פוילן, האט ער די התחייבות צוצושטעלן כשר גע'שחט'ן פלייש פאר אלע פוילישע אידן וואו אימער זיי געפינען זיך איבער דער וועלט, דעריבער וועט א פארבאט אויף עקספארט פון כשר פלייש דיסקרימינירן אנטקעגן פוילישע אידן איבער דער וועלט...

די טענה האט זיך זיי געלייגט אויפ'ן שכל, און אידן איבער דער וועלט זענען ב"ה ווייטער נהנה פון כשר פלייש וואס איז גע'שחט'ן אין פוילן מיט'ן גרעסטן הידור!

"וויאזוי גיט מען זיך אן עצה אינעם פוילישן פארלאמענט?" גליון שבת בשבתו, סטעמפארד היל, לאנדאן, שמות תשפ"א, זייט 22. מוה"ר שמעון כהן הי"ו פון ענגלאנד שילדערט אן אינטערעסאנטע געשיכטע וויאזוי ער האט באוויזן מיט סייעתא דשמיא און מיט א קלוגע טענה אפצוראטעווען די פוילישע שחיטה אינדוסטריע, און מיט דעם פארזיכערט די ווייטערדיגע פלייש עקספארט פון פוילן צו אידן איבער דער גאנצער וועלט.

ס'האט איינער אמאל געזאגט, "פארוואס טוסטו זיך אפפרעמדן פון מיר? מיר האבן דאך איין פאטער אין הימל". האט יענער געענטפערט, "מיר האבן טאקע איין פאטער, מיר האבן אבער נישט איין מות'ר..." וואס איז ביי דיר מותר איז נאך ביי מיר אסור.

דאס דארפן מיר וויסן, וואס ס'איז מותר ביי דער אמעריקאנער וועלט איז נאך ביי אונז אסור! און די השקפות פון דער אמעריקאנער וועלט איז נאך ביי אונז אסור! און זייער ליין פאטעריאל ברענגט דאס אריין אין די חסידי'שע שטיבער. מ'פארשטייט נישט וואס איז דער פעלער, ס'איז דאך וואויל, ס'איז דאך ערליכע אידן. ס'איז נישט איין מותר!

מ'גייט איבעראל און מ'עסט איבעראל... א איד האט געוואוסט זיך אכטונג צו געבן! אלע הכשרים זענען נישט גלייך, מ'האט זיך געוואוסט אכטונג צו געבן. איך רעד צו אנשי שלומינו מ'זאל וויסן ווען מ'גייט ערגעץ, נישט איבעראל מעג מען עסן אפילו ס'איז כשר.

מתוך דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א, היי יאר ביים "דרשת שבת שובה" בהיכל בית המדרש הגדול דק"ק קרית יואל יצ"ו

אינעם געביט פון "בדיקת תולעים" ווערט כסדר פארשידענע שינויים אין מציאות. דעריבער האלט די מערכת הכשרות אויף א שטאב פון געניטע מומחים בעניני תולעים, וועלכע גיבן זיך אפ אהערצושטעלן די קלארע אינפארמאציע איבער דעם מציאות פון די ווערים און דער סדר פון עס בודק זיין לויט די הוראות פונעם בי"ד, און די אינפארמאציע ווערט דערנאך אריבערגעפירט צו אלע אנדערע משגיחים.

יעדעס מאל וואס ס'ווערט א נייער מציאות, ווערט דאס באקאנט געמאכט פאר'ן ציבור. אין א פאל וואו ס'איז דא א לעזונג צום פראבלעם, ווערט דער פראבלעם אנאנסירט מיט דער בייגעלייגטער לעזונג, אז מ'זאל וויסן וויאזוי מ'קען ווייטער נוצן דעם פראדוקט לכתחילה ולמהדרין. נאר באופן וואס נאך פיל בירורים טרעפן נישט די חברי הבי"ד קיין לעזונג צום פראבלעם, ווערט מפורסם אז מ'זאל זיך מונע זיין פון דאס נוצן.

אריינפיר צום "מפתח הכשרות", ניסן תש"פ, וואו ס'ווערט דערביי אויך באריכטעט די נייעס אז "בסייעתא דשמיא איז געלונגען פילפאכיג צו פארברייטערן די אפטיילונג פון בדיקת תולעים, מיט'ן אהערשטעלן אן אייגענע פארגעשריטענע לאבאראטאריע מיט גאר סאפיסטיקירטער טעכנאלאגיע, וואו מ'קען אויפ'ן פלאץ פעסטשטעלן פילע וויכטיגע כשרות אנגעלעגנהייטן".

נאך א שטיק צייט האט מען אפיציעל געגרינדעט די ארגאניזאציע וואס האט ביז אהער עקזיסטירט נאר אומאפיציעל, און מ'האט דאס א נאמען געגעבן "מבקשי הכשרות", וואס דער באדייט דערפון איז כפשוטו, "די וועלכע זוכן כשרות!" מ'איז דאן ארויסגעקומען מיט אן אפעלירונג צום ציבור זיך איינצושרייבן אלס מבקשי הכשרות מעמבער, פאר א מינימאלן אפצאל פון פופצן דאלאר לחודש, און צען דאלאר פאר מעוטי יכולת.

די בלויזע עקזיסטענץ פון "מבקשי הכשרות" האט דירעקט פאראורזאכט אז די גאנצע כשרות אין שטאט זאל ארויפגיין א שטאפל. דאס אז ס'איז גוט באקאנט פאר יעדן אז אין מאנסי איז פארהאן אזא ארגאניזאציע וועלכע גיט זיך אפ מיט די האקעלע כשרות אנגעלעגנהייטן, האט אויטאמאטיש געשטעלט די הנחה אז "אין מאנסי איז דער עולם באזונדער אפגעהיטן, און דאס וואס מ'סערווירט פאר דעם מאנסי'ער ציבור ברויך זיין ספעציעל מהודר אן קיינע חששות".

אויסצוג פון ליפלעט פון דער חשוב'ער "חבורת מבקשי הכשרות" אין מאנסי, וועלכע גיט זיך אפ גאר שטארק אויפצוהייבן די כשרות ניווא אין שטאט און האט במשך השנים מצליח געווען אריינצוברענגען א שטארקע התעוררות בזהירות כשרות המאכלים ביי פילע תושבי העיר.

ווען מ'קומט אריין אין געשעפט טרעפט מען אויף די פאליצעס פארטיגע פראדוקטן, שיין פארפאקט, מיט'ן זיגל פונעם בי"ד. מ'האט די באקוועמליכקייט צו קענען איינקויפן אלע סארטן פראדוקטן, אהערגעשטעלט מיט'ן העכסטן סטאנדארט פון כשרות. ס'איז היינט ב"ה אכשיר דרא, אז יעדע סארט נוצבארע פראדוקט קען מען שוין באקומען מיט דער השגחה פון מערכת הכשרות.

אבער ווייניג באגרייפן און פארשטייען וואס ס'ליגט אונטער דעם חותם, וויפיל ענערגיע און פלאג ס'ווערט אריינגעלייגט צו קענען ערצייגן אט דעם פראדוקט. מ'האט נישט קיין השגה וויפיל צייט, געלט און מח ס'ווערט אינוועסטירט ביז דער כשר'ער פראדוקט ליגט אין געשעפט גרייט פאר'ן קונה.

"אוצר פון כשרות" בהוצאת מערכת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים, זייט 7. "די מערכת הכשרות באשטייט פון א שטאב משגיחים, תלמידי חכמים ויראי ה', וואס זענען זעלטענע מומחים און זיי טוען זייער עבודת הקודש מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און נאמנות. ס'ווערט געפירט דורך דער הנהגה פונעם בי"ד המיוחד לעניני כשרות, וואס על פיהם ישק כל דבר."

מ'דארף נאכקוקן יעדן ארדער וואס ס'קומט אן! ס'מאכט זיך זייער אפט אז ס'קומט אן סחורה נישט ווי מ'יר האבן באשטעלט. פארוואס? ווייל דיסטריביוטערס האבן א מאדנע נאטור, זיי ווילן זיכער מאכן צו שיקן וויפיל מ'האט באשטעלט פון דעם "סארט" פראדוקט, אבער נישט דוקא פון אט דער "השגחה" אדער פירמע וואס מ'האט באשטעלט. אויב ער האט פונקט נישט וואס מיר האבן געבעטן, וועט ער אן קיין פראבלעם שיקן סיי וואס ער האט אין סטאק. דערפאר האבן מיר אלעמאל א איד וואס קוקט איבער יעדע איינציגע דעליווערי.

אזוי אויך דארף מען שטענדיג פעסטשטעלן אז די פרוכט קומען נישט פון ארץ ישראל, צוליב די שאלות פון תרומות און מעשרות. ס'האט זיך שוין געמאכט אז ס'איז צו אונז אנגעקומען מייערן און פאפריקע פון ארץ ישראל און מ'האט עס נאר געכאפט אין זכות פון דעם דאזיגן איינפיר. אויך האבן מיר איינגעשטעלט אז ס'איז נישט פארהאן אזא מציאות אז א גוי זאל זיך קענען געפינען אין קאך אליין אן א איד, כדי צו פארמיידן מכשולות פון בישול עכו"ם.

הרב מ. ראזענפעלד, מענעדזשער פונעם "ארדערינג דעפארטמענט" וואס גיט זיך אפ מיט'ן באשטעלן די אומצאליגע עסנווארג פאר די איבער צען עס-זאלן פון די וויזשניצער מוסדות אין מאנסי, אין א שמועס מיט די "יסודות" אויסגאבע, נומער 28. "איך מאך זיכער כסדר צו רעדן מיט די אידישע אנגעשטעלטע אין קאך איבער דער וויכטיגקייט פון די אלע זאכן, אזוי אז בעז"ה נוצט יעדער איינער נאך א פאר אויגן צו פארזיכערן די העכסטע סטאנדארטן אין כשרות".




"זייט איר אזוי שפארעווודיג... צו ווועלען איינשפארן צוויי און א האלב סענט... דוקא ביים מאכן קידוש לכבוד שבת און יום טוב...?!" לייגט זיך אן אנאנס פונעם "קדם וויין פירמע" אין די בראשית יארן נאכ'ן קריג, פאר'ן פרישן "ירושלים וויין" אונטער דער השגחה פון די עדה החרדית. דער אנאנס איז ממשיך מיטן מזרז זיין צוקונפטיגע קונדן, "גיט אויס צוויי און א האלב סענט מער און מאכט קידוש אויף אן אמת-גוטען וויין און זייט מקיים די מצוה אויפ'ן שענסטן הידור..."




אין "די אידישע צייט" איז פארגאנגענעם חנוכה ערשינען א בילד פון "שלומי'ס בעקעריי" אין בארא פארק אויף דער צוועלפטער עוועניו, מיט שטעקעלעך (טוטפיקס) וואס האבן אויף זיך די אויפשריפט "מילכיג" אריינגעשטעקט אין דאנאטס. אונטער'ן בילד איז צוגעצייכנט, "א חידוש לכבוד חנוכה תשפ"א, היות ס'איז געווארן א פארפלייצונג פון מילכיגע פאנקען וואס ענדלן אין פארווע, האבן די בעקערייען בהשגחת התאחדות הרבנים איינגעפירט א שיינע הנהגה צו לייגן שטעקעלעך (טוטפיקס) מיט א 'מילכיגע' צעטעלע דערויף".

עס זענען פארהאן בעקערייען און עסן געשעפטן, וואס הגם זיי באנוצן זיך בדרך כלל מיט אייער אן קיין חשש לינת לילה, מאכן זיי אבער די דאונאטס מיט א מיקס אדער פארטיגע טייג וואס אנטהאלט אין זיך אייער מיט א חשש לינת לילה. דערפאר ווען ס'קומט צו דאונאטס איז וויכטיג זיך נישט צו פארלאזן אז דאס געשעפט נוצט בדרך כלל פרישע אייער, נאר דאס דארף באזונדער נתברר ווערן דורך די משגיחי הוועד.

על פי הוראת רבני הוועד שליט"א, טוען מיר מפרסם זיין א רשימה פון בעקערייען וואס די דאונאטס ווערן דארט געמאכט בלי חשש ביצים קלופות שעבר עליהם הלילה.

מעלדונג פון ועד משמרת דק"ק צאנז-קלויזנבורג, פון ערב ימי החנוכה העעל"ט אינפארמירנדיג די בני הקהילה איבער כשרות אפדעיטס. די מודעה פירט אויס, "אויב ס'וועט נתברר ווערן אויף נאך בעקערייען אז זייערע דאונאטס זענען גוט, וועלן מיר דאס מפרסם זיין במשך די ימי החנוכה".



ועד משמרת

כ"ב א' דחנוכה ...

**וויכטיגע מודעה בנוגע DONUTS**

עס זענען פארהאן בעקערייען און עסן געשעפטן (בפרט קליינע רעסטאראנטס וכדו') וואס הגם זיי באנוצן זיך בדרך כלל מיט אייער אן קיין חשש לינת לילה, אבער דאונאטס מאכן זיי מיט א מיקס אדער פארטיגע טייג וואס אינהאלט אין זיך אייער מיט א חשש לינת לילה.

דערפאר ווען עס קומט צו דאונאטס איז וויכטיג זיך נישט צו פארלאזן אז די געשעפט נוצט בדרך כלל פרישע אייער, נאר עס דארף באזונדער נתברר ווערן דורך די משגיחי הוועד.

על פי הוראת רבני הוועד שליט"א, טוען מיר מפרסם זיין א רשימה פון בעקערייען וואס די דאונאטס ווערן געמאכט בלי חשש ביצים קלופות שעבר עליהם הלילה.

- **Belgels**
- Sterns (Bingo)
- Zomicks
- Royal
- Weiss
- Taam Eden
- Gross
- Steinberg
- Sesame
- Black and White
- Steinbergs – Gebeks
- Sanders
- **PAS**

מיר ווילן נאכאמאל מדגיש זיין, **די רשימה איז נאר בנוגע דאונאטס!** נישט בנוגע אנדערע גיבעקס, וואס אויף דעם האפן מיר בקרוב ארויס צו קומען מיט א באזונדערע רשימה בעזהשי"ת.

אויב עס וועט נתברר ווערן אויף נאך בעקערייען אז זייער דאונאטס זענען גוט וועלן מיר דאס מפרסם זיין במשך די ימי חנוכה הבעל"ט.

ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח שלא יצא מכשול מתחת ידינו, ויתקדש שם שמים על ידינו, ובזכות הזהירות באזהרת חכמינו ז"ל להשמר מהדברים שהאוכלם מתחייב בנפשו ודמו בראשו, נזכה לברכת והסירותי מחלה מקרבך בקרוב.

בברכת התורה,

**וועד משמרת**

**שע"י ק"ק צאנז קלויזענבורג**

**אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער רבי געלייגט תפילין פאר הב' (...). נאכמיטאג האט דער רבי באזוכט אין מצה בעקעריי דקהלתנו פאר איבער צוויי שעה, להשגיח על כשרות והידור הבית האופה.**

באריכט אין "מערכת סאטמאר" פון פארגאנגענעם מאנטאג וויגש, צייגט אן אז צווישן אנדערע האט כ"ק מרן אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א מקדיש געווען "איבער צוויי שעה!" און זיך אריבערגעכאפט פערזענליך צו משגיח זיין און זיך אומקוקן אויף דער בארימטער מצה בעקעריי דקהל יטב לב.

**צענדליגער יארן צוריק, ביים אנהייב פונעם שטעטל, איז מען געקומען פון דער הנהלה צום טאטן מיט א חשבון אז מ'קען מאכן א בית השחיטה פון עופות, און מ'קען שחט'ן אזויפיל און אזויפיל אין א שעה. זיי האבן געמאכט דעם חשבון אויף פאפיר, זאגנדיג אז די מוסדות קענען מאכן פון דעם א געוואלד מיט געלט, ווייל א 'סקווערער שחיטה' וועט זיך גוט פארקויפן.**

**האט זיי דער טאטע ז"ל געזאגט: "אז איר וועט מאכן א 'הויזן פאבריק' און איר וועט מיר דערציילן אז מ'קען אניאגן אסאך אין איין שעה און ס'וועט זיין א הכנסה פאר די מוסדות, וועל איך הנאה האבן... איר ווייסט גאנץ גוט אז איך וויל היבש אז די מוסדות זאלן זיך נישט מוטשען און מ'זאל קענען צאלן פאר די מלמדים.... ס'איז ביי מיר א געוואלדיגער זכות אז די מוסדות זאלן מאכן געלט, אבער אויף דעם וויל איך איר זאלט מאכן א 'הויזן פאבריק'..."**

משיחת קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר מ'סקווירא שליט"א אין גליון "בחצר הקודש", שנה י"ח גליון כ"ה. דער סקווירער רבי זי"ע האט אויסגעפירט "אויב ווילט איר מאכן א 'שחיטה' זאלט איר מיר נישט דערציילן וויפיל ס'ברענגט 'געלט', ביי דעם וויל איך איר זאלט דאס מאכן מיט די שטערקסטע הידורים און מיט דעם וועט איר מיך משחד זיין!.. אויב ווילט איר מיך משחד זיין זאלט איר מיר זאגן אז ס'וועלן זיין דארט אלע הידורים, מיט אלע לכתחילה דלכתחילה'ס!"



# פרוכט און גרינצייג פון ארץ ישראל

היות לעצטנס הערט מען אסאך איבער פרוכט פון ארץ ישראל וואס גליטשן זיך אריין אין דער אמעריקאנער מארקעט, דעריבער, שטייענדיג ערב א שמיטה יאר שטעלן מיר עטליכע פראגן איבער פעלדער און געוויקסן, פאר **הרב מאיר דוד בערגמאן שליט"א** פונעם וועד הכשרות פון די עדה החרדית, ער זאל מיטיילן מיט אונז וואספארא סארט שאלות ס'קענען אונטערקומען אין אויסלאנד, בנוגע פרוכט און גרינצייג וועלכע קומען פון ארץ ישראל.

**הרב ר' מאיר דוד שליט"א:**

איידער איך ענטפער מער פרטיות'דיג, איז וויכטיג צו וויסן אז ווען מ'קויפט איין פירות און גרינצייג אין ערטער וואו מ'איז נישט זיכער אז דא גיבט מען אבאכט נישט אריינצובריינגען פירות און ירקות פון ארץ ישראל, מוז מען זיין פארזיכטיג זיכער צו מאכן אז די פרוכט און גרינצייג קומען נישט פון ארץ ישראל.

מ'קען קוקן אויפ'ן באקס אדער אויפ'ן זעקל פון וואו דער פראדוקט קומט, און אויב קומט עס פון ארץ ישראל זאל מען עס נישט קויפן.

אין געווענליכע יארן איז דא צוויי ערליי שאלות ווען מ'קויפט פירות פון ארץ ישראל. ס'איז דא א שאלה פון 'ערלה' און דאס קען מען נישט לעזן. אויסערדעם דארף מען אראפנעמען פון דעם תרומות ומעשרות, און אז מ'ווייסט ווי אזוי דאס צו טון איז גוט. אויב נישט, איז בעסער זיך נישט אריינצולאזן אין קיין שאלות.

אין דעם קומענדיגן יאר איז א שמיטה יאר און די זהירות דארף זיין פי כמה. דער רוב פון די מארקעט זענען 'היתר מכירה'דיגע' פרוכט און גרינצייג, און מ'דארף זיכער מאכן אז מ'קריגט נישט אריין אין שאלות.

ס'איז איבריג צו זאגן אז ווען ס'האט א פארלעסליכע הכשר קען מען עס רואיג קויפן, ווייל דער הכשר זארגט דאך פאר אלע שאלות. וואס מיר רעדן איז נאר וועגן פרוכט וועלכע האבן נישט קיין הכשר.

יעצט, מענטשן ווילן וויסן צי ס'זענען דא פירות און גרינצייג וועלכע מ'אימפארטירט מער, און אזעלכע וואס מ'דארף אויף זיי בכלל נישט חושש זיין. איך קען אייך געבן דערויף א כללות'דיגן ענטפער, אבער מ'דארף נעמען אין באטראכט אז יעדער כלל האט א יוצא מן הכלל.

נעמט צום ביישפיל די ציטרוס פרוכט ווי ארענדזשן, לימענעס און אזוי ווייטער. פון די אלע סארט פרוכטן איז דא אין אמעריקע בשפע. אין קאליפארניע וואקסן ריזיגע קוואנטומס פון ארענדזשן, אזוי אז די סברא זאגט אז מ'אימפארטירט נישט די סארט פירות קיין אמעריקע, אבער ס'איז אלעמאל בעסער אז מ'קוקט עס איבער.



מצד שני זענען דא פרוכט וואס זענען זייער פאפולער און מ'אימפארטירט זיי אין גרויסע קוואנטומען. צווישן זיי ציילן זיך די טייטלען וועלכע ווערן אימפארטירט קיין אויסלאנד. ביז ממש לעצטנס איז ביי די טייטלען בלויז געווען א שאלה פון תרומות ומעשרות, אבער לעצטנס האבן די טעכניקער אויסגעטראפן א פאטענט וויאזוי מ'קען צוברענגען אז טייטלען זאלן ארויסגעבן פרוכט נאך אינמיטן די ערשטע דריי יאר, ממילא גייט עס אריין אין א שאלה פון ערלה. ס'איז בפועל נאכנישט דא אין די מארקעט, אבער ס'וועט זיין בקרוב.

נאכדעם זענען דא פארשידענע גרינצייג ווי פעפריקעס אדער מייערן וועלכע ווערן אימפארטירט אין די מאסן קיין אויסלאנד, און אויך קיין אמעריקע.

מיט עטליכע יאר צוריק – אין א שמיטה יאר – האט מיך א רב געקלונגען ממש פאר פסח, זאגנדיג אז א גרויסער טייל פון זיין קהילה האט געקאכט די פיש מיט מייערן פון ארץ ישראל. וואס טוט מען? איך האב זיי געזאגט דעם מציאות הדברים וואס איך ווייס, און זיי געהייסן פרעגן אן ארטיגן רב להורות ההלכה.

ווען ס'האנדלט זיך מיט אייראפע זענען די חששות גרעסער. אייראפע איז נענטער קיין ארץ ישראל און די פרוכט קומען אן שנעלער אהין און אין א גרעסערן קוואנטום. למשל ווען ס'רעדט זיך פון אוואקאדא, איז דא ממש א פארפלייצונג אין די אייראפישע מארקעט פון אוואקאדאס וועלכע קומען פון ארץ ישראל.

דעריבער איז אייביג וויכטיג אז מ'זאל נעמען די מי, בודק צו זיין פון וואו די סחורה קומט אן צו די מארקעט, און אזוי ארום וועט מען פארמיידן אסאך שוועריגקייטן.

וועלכע כשרות נושא ווילט איר די משגיחים זאלן אדרעסירן אין קומענדיגן נומער? שיקט אייערע מיינונגען צו journal@crckashrus.org



# קאלטע און הייסע טיי

שטייענדיג אינעם ווינטער סעזאן ווען נאטירליך דערווארעמט מען זיך מיט א גלאז הייסע טיי, ווענדן מיר זיך צו **הרב חנניא יו"ט ליפא קליין שליט"א** פונעם מערכת הכשרות פון התאחדות הרבנים, אז ער זאל אונז מיטטיילן איבער דעם טיי געטראנק וואספארא שאלות ס'קענען זיין אין דעם. אין איינוועגס, אזוי ווי דער דזשינדזשער מאכל איז לעצטנס געווארן פאפולער צוליב דער קאראנע עפידעמיע, פרעגן מיר וואס ער קען אונז זאגן איבער דזשינדזשער און דזשינדזשער טיי, און וואספארא שאלות פון כשרות ס'קענען אויפקומען ביי דעם.

**הרב ר' ליפא שליט"א:**

לאמיר אנהייבן מיט דזשינדזשער און שפעטער וועלן מיר אריבערגיין צו די נושא פון טיי.

דזשינדזשער איז פון נאטור אויס א שארפע געוויקס, וועלכע וואקסט בעיקר אין די ווייטע מזרח לענדער. זייענדיג א שארפע געוויקס וועלן זיך אינזעקטן דערווייטערן פון דעם, אזוי אז ס'פארמאגט נישט קיין חששות פון ווערעם. אזוי אויך ווערט עס נישט פראצעסירט אין קיין שום מעכאנישן וועג, ממילא זענען קיין ערנסטע חששות נישטא אויף דעם.

ס'איז וויכטיג צו פונאנדערשיידן צווישן רויע דזשינדזשער און געזויערטע "געפיקלטע" דזשינדזשער, וועלכע ווערט גענוצט אינאיינעם מיט סושי פיש.

יעדער זאך וואס איז געפיקלט גייט אריין אין שאלות, בנוגע די כלים אין וואס מ'האט זיי געפיקלט און אויך איבער די מאטעריאלן וואס מ'נוצט ביים פיקלען. געפיקלטע עסנווארג קען ווערן געמישט מיט עסיג, וואס ביי דעם קענען זיין שאלות פון יין נסך אדער אנדערע שאלות. דעריבער ווען ס'רעדט זיך פון געפיקלטע דזשינדזשער פאדערט זיך א גוטער הכשר.

יעצט בנוגע טיי:

איך בין נישט באקאנט מיט טיי וואס ווערט געמאכט פון דזשינדזשער, ווייל איך האב נאכנישט באגעגנט אזא סארט פראדוקט. מ'קען אבער רעדן וועגן דעם כשרות פון טיי בכלליות.

טיי איז געמאכט פון בלעטלעך וועלכע ווערן געהאדעוועט בעיקר אין די ווייטע אזיע. אלע סארטן רויע און פשוט'ע טיי בלעטלעך, סיי די גרינע און סיי די שווארצע, זענען אין מערסטנס פעלער ריינע פראדוקטן. מ'מישט נישט אריין אין דעם עפעס עקסטער, און געווענליך זענען די טיי פירמעס אזעלכע וואס אין זייער פאבריק ווערט פראדוצירט נאר טיי און נישט קיין אנדערע פראדוקציעס, אזוי אז ס'זענען נישטא קיין באזונדערע שאלות איבער זיי. זעלבסטפארשטענדליך אז פסח איז אן אויסנאם, און עס איז קען זיין בי דעם חששות פון חמץ צוליב סטארטשעס אויף די בעגס "טיי זעקלעך" אדער אנדערע באשטאנדטיילן וואס איז דא, אין די פסח טעג מעג מען טרינקען טיי נאר מיט א הכשר.

אבער דאס איז אלעס ביי פשוט'ע טיי. ווען ס'רעדט זיך פון טיי מיט "פלעיווארס", לאזט מען זיך אריין אין גרויסע שאלות.

ווי עס איז באקאנט זענען פלעיווארס, סיי די נאטירליכע און סיי די אומנאטירליכע "ארטיפישעל", זייער פארצווייגט און מ'קען עס אין קיין שום פאל נישט טרינקען אן א גוטן היימישן הכשר.

ס'איז שווער אריינצוגיין אין די פרטים פון די שאלות ווייל פלעיווארס איז א וועלט פאר זיך, אבער אזויפיל איז גוט אנצווייזן אז ווען ס'שטייט אויפגעשריבן אויף דעם אז די פלעיווואר איז נאטירליך און א מענטש זעט אז ס'איז געמאכט מיט סטראבערי פלעיוואר, קען ער נאך קומען זאגן, "נו, וואס איז שלעכט? ס'איז דאך די סטראבערי פלעיוואר, און ס'איז אויפגעשריבן אז ס'איז נאטירליך, דאס מיינט אז ס'איז געמישט מיט אביסל סטראבערי".

ער דארף אבער וויסן אז נאטירליך מיינט נישט אז ס'איז געמאכט געווארן פון דעם פרוכט וואס ס'שטייט אויפ'ן באקס. דער באדייט פון נאטירליך איז אז ס'איז געמאכט געווארן פון נאטירליכע סובסטאנצן, און דאס קען מיינען צווישן אנדערע אז די צוקער איז פראדוצירט געווארן פון צוקער-מילעך "לעקטאז", אדער פון גרעיפ צוקער, און דיביידע מיינען חלב עכו"ם און יין נסך, ועוד ועוד.

אזוי אויך קומען שוין דא אויף שאלות ארום די כלים אין די פאבריקן. אבער און צוגאב צו די געווענליכע קאמפליצירטע שאלות פון פלעיווארס קען ביי טיי זיין א באזונדערע גאר הארבע שאלה, וויבאלד די טיי זעקלעך איז א טריקענע זאך קען מען נישט אין דעם אריינלייגן קיין ליקוואד פלעיוואר נאר מען מוז זיך באנוצן מיט פאודער פליעוואר, וואס כדי צו מאכן א פאודער דארף מען זיך באנוצען מיט א ספרע"י דרייער, און די אלע וואס טוען אביסל אין כשרות ווייסן גוט אז ניצן א ספרע"י דרייער איז זייער קאמפליצירט וויבאלד אויף רובא דרובא ספרע"י דרייערס מאכט מען טריפות ממש און דאס צו כשר'ן כדת וכדין איז זייער קאמפליצירט, די נושא פאדערט א באזונדערע אריכות, אין אן אנדערע געלעגנהייט, אי"ה.

בנוגע קאלטע טיי:

לעצטנס איז אויך דא די קאלטע טיי געטראנק וואס מ'רופט אן מיט'ן נאמען 'סנעפל'. אין דער טיי מישט מען אריין פלעיווארס, און אסאך מאכן דעם טעות אז מ'קען עס טרינקען ווי ס'שטייט און גייט, ווייל די פלעיווארס זענען נאטירליך.

דאס איז א גרויסער טעות! אויסערדעם וואס די פלעיווארס זענען קאמפליצירט, שלעפט עס אויך אריין אין א ים מיט שאלות איבער די כלים וואס מ'נוצט ביים פראדוצירן די סארט געטראנקען. אין געוויסע פאבריקן וואו מ'מאכט די 'סנעפל' מאכט מען אויך פראדוקטן וואס זענען יין נסך, און די פראצעדור פון כשר'ן דאס וואס ס'גייט אריבער פון איין ליניע צו דער אנדערער, קען כמעט נישט געמאכט ווערן אויף א לכתחילה'דיגן אופן. ס'איז דא דערויף זייער אסאך חששות, און אזוי לאנג ווי ס'האט נישט קיין היימישן הכשר זאל מען עס נישט טרינקען.



NDER

סולת נקי ומ

# וואנד
# וואק
# סיפט
# פלאו

UUM SIFTED FLOUR

א. א. מאנדעל

מזל טוב! "שבת באוואורפן" איז שוין דא בשעה טובה ומוצלחת... די גליקליכע מחותנת'טע גרייט זיך צו באצירן דעם פרעכטיגן שבת'דיגן טיש מיט א קעניגליכע "חתן קוילעטש" לכבוד דעם וואוילן חתן דומה למלך...

די ניי-געקרוינטע אשת חיל תחי' גרייט זיך צו "באקן חלות און נעמען חלה" צום ערשטן מאל ביי זיך אין שטוב אין די אייגענע מקדש מעט! די זכי', די קדושה, די תחינות ובקשות, די ברכה מיט'ן גאנצן כוונה, איינס פון די גרעסטע מאמענטן ביים בויען אן ערליכע בית נאמן בישראל.

דער בכור און נארוואס-געקרוינטער "גמרא יונגל" קומט אהיים פון חדר מיט איין שמחה, יא, מען האט אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע גמרא, און די מאמע תחי' האט לכבוד דעם געבאקן איר גאר ספעציעלע "דאפלטע צימרינג באבקע" וואס קומט נאר אין באטראכט בכלל אין אויסנאם געהויבענע און פרייליכע געלעגנהייטן, ווי דאס, אזא גליקליכע טאג וואס די משפחה פראוועט יעצט לכבוד דעם גמרא יונגל.

די פארשידנארטיגע מאמענטן פון נחת און פרייד ווערן פאראייניגט מיט איין זעלביגע שטריך - די בעסטע מעהל פאר יעדע אידישע קאך, פירנדיג צו חלה, באבקע, און אנדערע געבעקסן וואס טוען איינהילן די גאנצע שטוב אין א זיידענע גן עדן אראומא וואס ווערטער קענען נישט גענוג שילדערן. אז מ'גייט נאר אריבער די שוועל ווען די חתן קוילעטש ווערט געשטעלט ביים טיש, צי ווען די באלעבאטישע אייגענע חלה-גענומענע בארכעס קומט ארויס פון בעקעלע אפצוקילן, צי ווען די באבקע ווערט אויפגעשניטן אין ראפאגאשע זאפטיגע רעפטלעך וואס גיסן ווארימע צימרינג סירופ אויפ'ן גאנצן טעצל, שפירט זיך דער איינגענעמער ריח אין אלע ביינער, אפעטיטליך צו זעטיגן, שפייז פאר די נשמה.

דער סוד פון אזעלכע חלות און געבעקסן איז די סולת נקי ומנופה - די "וועקיום פעקד וואנדער סיפטעד פלאוער," וואנדערבארע מעהל וואס האט נישט קיין גלייכן אין די אידישע וועלט. מעהל וואס ווערט געזיפט, וואס ווערט ערצייגט און פארקויפט מיט מאקסימום פרישקייט, געפעקלט מיט א גאר סאפיסטיקירטע "וועקיום" סיסטעם וואס נעמט ארויס יעדע ברעקל לופט און גאראנטירט די מעהל צו זיין פריי פון באגס און ווערים, און דערצו איז עס ריין פון כלערליי כעמיקאלן וואס קענען גענוצט ווערן אין מעהל צו האלטן אביסל סינטעטישע פרישקייט.

*

ווען נאר מ'גיסט אריין די "וועקיום פעקד וואנדער סיפטעד פלאוער" מעהל אין טייג שיסל דערקענט מען די הערליכע דיפערענץ פון דעם סארט מעהל, מיט אלע פינעף חושים. די "טעקסטשור" איז לופטיג און ווייך ווי זיידן, דער אויסזעהן פון די חלה אדער מזונות ארויסקומענדיג פון אויוון איז א נחת, די ריח נעמט ארום די גאנצע הויז, די טעם איז פשוט שפראכלאז, און אוודאי הערט מען צוריק גריסן און קאמפלימענטן און מ'בעט אויך די רעסעפי מיט'ן "סוד" פארוואס "ביי דיר קומט אלעס אויס בעסער צום טעם..."

דאס איז אלעס געוואונדן אין די פרישקייט און ריינקייט פון די מעהל, און וויאזוי עס ווערט געהאלטן פונעם זיפן ביז עס קומט צו אייער טייג-שיסל. ביי "וואנדער" ווערט די מעהל געזיפט מיט די סאפיסטיקירטע מעטאדן אין די אינדוסטריע, בשעת די גאנצע פלענט איז סטעריליזירט און אפגעהיטן מיט די



נקי ומהודר

# נדער
# קיום
# פטעד
# אוער

WONDER VACUUM

גרעסטע ריינקייט. פונעם זיפן גייט עס אריין אין ספעציעלע "דאפלטע פעקעדזשינג" פון שטארקע פאפיר און "העווי דוטי" פלעסטיק, מיט די מעלות פון ביידע סארט מאטעריעל. דאן קומט די פארצווייגטע פראצעדור פון ארויסציען די לופט פון די פעקלעך, יעדע ברעקל לופט מיט א פארגעשריטענע "סטעיט או די ארט" וועקיום סיסטעם וואס לאזט נישט איבער קיין ברעקל לופט אינעם פעקל מעהל.

די הערמעטישע לופטלאזע פעקעדזשינג איז א חידוש נפלא וואס דערגרייכט די אויסטערלישע בענעפיטן אז אלע מעלות און אינוועסטמענטס אין די פראדוקציע פון אזעלכע ריינע מעהל זאלן נישט קאליע ווערן ביים זיצן אויף די פאליצעס, נאר זאלן ווייטער אנהאלטן די גאנצע צייט אין געשעפט, אין שטוב, ביז די מעהל ווערט נתעלה ונתקדש צו מאכן א ברכה דערויף. טעכניש זענען די אלע ספעציעלע מיטלען אויף די ריינקייט און פארמאכטקייט פון די מעהל גענוג צו פארזיכערן די בעסטע קוואליטעט און פרישקייט פאר לאנגע יארן(!) אבער ביי אונזער מעהל איז נישטא אזא זאך, נאר יעדע פעקל "וועקיום פעקד וואנדער סיפטעד פלאוער" מעהל אין געשעפט איז געמאלן און געזיפט געווארן פאר אייער באנוץ נישט מער ווי צוויי וואכן פריער...!

*

שוין א צירקע פון א גוטע צען יאר וואס כלל ישראל איז זוכה צו נוצן די מהודר'דיגע פרישע נאראהאפטיגע "וואנדער סיפטעד פלאוער" און קוועלן דערפון, וויבאלד פון די ערשטע מינוט שטייט פאר אונזערע אויגן די אחריות פון העכסטע סטאנדארטן אין כשרות, און קיין ברעקל פשרות און קאמפראמיסן.

ביי מעהל, ווי באקאנט, קען זיך שנעל אנטוויקלען א חשש פון ווערים ר"ל פון סיי וועלכע פייכטקייט, ווארימקייט אדער אלטקייט. צו לעזן דעם פראבלעם, נוצט די מעהל אינדוסטריע געוויסע שארפע כעמיקאלן, איינער מער איינער ווייניגער, צב"ש, בראומעיט, עי. די. עי., על סיסטין, גליסערײדס, סאדיום סטיראויל לעקטיילעיט, און נאך. אבער ווער עס זוכט געזונטע מעהל וויל דאך דוקא נישט הערן פון די פארשידענע כעמיקאלן.

אונזער אפגעהיטענע סטעריליזירטע הערמעטישע פראדוקציע און פעקעדזשינג איז דעריבער אויסגעשטעלט פון די ערשטע מינוט אין איינקלאנג מיט די זהירות'דיגע פארשריפטן פון די מערכת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים צו פארזיכערן אז די מעהל איז טאקע צוגעשטעלט מיט אלע חומרות און פארזיכערונגען קעגן סיי וועלכע חשש תולעים ח"ו. היות יעדע ברעקל לופט קען ברענגען א חשש פון ווערים, דעריבער ווערט אונזער "וועקיום" סיסטעם באגלייט מיט די גרעסטע זהירות צו יעדע צייט, אז די דאפלטע מעהל פעקעדזשינג זענען ריין פון לופט און ריין פון ווערים הונדערט פראצענט!

דא האט "וועקיום פעקד וואנדער סיפטעד פלאוער" טאקע געשטעלט דעם יסוד פון בלייבן ריין פון די אלע כעמיקאלן, געזונט און פריש מיט די מאקסימום געזונטהייט נוטריענטס און וויטאמינען, און כשר למהדרין מן המהדרין אונטער די וועלט בארימטע הכשר פונעם מערכת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנאדא!

געזיפט, געזונט, פריש, נאראהאפטיג, לופט-לאז, ריין פון כעמיקאלן, ריין פון חשש תולעים, פארזיכערט בתכלית הכשרות - אלעס וואס יעדע בעל הבית'טע תחי' קען זיך נאר פארשטעלן, די בעסטע אויסוואל פון סולת נקי' ומנופה פאר יעדע אידישע הויז ביי כלל ישראל.





### מיין באזוך אין זאזאר'ס הויפטקווארטיר:

# די פראדוקציע פון כשר'ע נאשע



דער נייגער זיך צו דערוויסן און פארשטיין וויאזוי די וועלט פון כשר'ע נאשערייען פונקציאנירט, וויאזוי קענדיס און דזשעליס ווערן פראדוצירט, וואס ס'גייט אלץ אריין דערין, וויאזוי ס'גייט צו די כשרות איבערזיכט, און ווי געזונט און נישט געזונט די נאשערייען זענען, אט דאס האט צושטאנד געברענגט מיין באזוך אין זאזאר'ס נאשעריי הויפקווארטיר, וואו מיר האבן געהאט א געשמאקן פארברענג מיט'ן ווארעמען וויזניצער חסיד **הרה"ח ר' דוד נוטאוויטש הי"ו**

הרב בנימין יוסף טעללער

*אין לויף פונעם באזוך אין זאזאר'ס וואס איז געווען געצילט צו פארשטיין די קאמבינאציע פון "נאשערי' און כשרות", האב איך מיך עטליכע מאל געדארפט ווי' אויפוועקן און זיך דערמאנען אז אייגנטליך בין איך דא מיט א ציל, כ'בין דא פאר אן אינטערוויו...*

*אלעס געוויס צו פארדאנקען מיין פריינטליכן בעל אכסניא הרה"ח ר' דוד נוטאוויטש הי"ו וועלכער האט באשלאסן צו פארוואנדלען דעם עקספיריענס אין א געשמאקן פארברענג, אוועקנעמענדיג סיי וועלכע פארמאליטעט פון א 'שרייבער' אין אן 'אינטערוויו' און עס אוועקגעשטעלט ווי א געשמאקער שמועס צווישן צוויי אלטע גוטע פריינט, טראץ דעם וואס ער וואלט לכאורה גאר געקענט זיין מיין זיידע...*

## מיין ערשטע שאלה: טייל פון די קענדים וואס איך זע דא זענען מיר נאך קענטיג פון די קינדער יארן, אבער א טייל קוקט מיר אויס מער ניי. מאכט מען כסדר נייע נאשערייען, אדער מ'בלייבט מיט די זעלבע ליניע פון פראדוקטן יארן לאנג?

דא אויפ'ן טיש קענסטו זען מאכלים וואס זענען געציילטע טעג ניי, און ס'זענען דא אזעלכע וואס זענען שוין יארן לאנג אויף די פאליצעס. אין די היינטיגע וועלט דארף מען אלץ חידושים...

## וויאזוי גייט דאס אריינברענגען א נייעם פראדוקט אויפ'ן מארקעט?

ס'איז נישט עפעס וואס גייט אזוי' פון זיך... אין יעדן נייעם פראדוקט גייט אריין חדשים פון פארש-ארבעט, צו פארזיכערן אז ס'האט דעם טעם וואס מיר ווילן און אז ס'האט דעם געשמאק וואס מיר ווילן זען אין אונזערע קענדיס.

מיר וועלן נישט נאכלאזן. אסאך מאל וועלן מיר זיך שטעלן אויף א קלייניגקייט, אלעס כדי צו זיכער מאכן אז ס'האט פונקט דעם טעם וואס מיר האבן געוואלט זען דערין.

אסאך מאל וועט עס אויסקוקן פאר די קאמפאניס וואס ארבייטן מיט אונז ווי מיר מאכן זיך נאריש. וואס מאכט שוין אויס אזא קלייניגקייט צי ס'איז אזוי' אדער אזוי? אבער ס'מאכט יא אויס, ווייל מיר ווייסן שוין היינט וואס מענטשן ערווארטן.

אסאך מאל קענען מיר געוויסן איבערלאזן א קאמפאני, אדער בכלל אויפהערן צו פראדוצירן א געוויסן פראדוקט, ווייל איך זע אז דער קאמפאני' קען מיר נישט צושטעלן פונקטליך דאס וואס איך האב געוואלט באקומען.

## פארוואס טאקע איז כדאי זיך צו עקש'ענען איבער קלייניגקייטן?

ווייל דער עולם איז מבינים, און גרעסערע מבינים ווי מ'קלערט. מ'קען נישט נארן קיין מענטשן, מענטשן כאפן זייער שנעל אויף ווען עפעס איז גוט און ווען עפעס איז נישט גוט. די החלטה מאכט א מענטש נאר איין מאל.

דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז אויב א מענטש עסט עפעס און ער זעט אז ס'איז נישט לויט זיין געשמאק, וועט ער עס מער נישט קויפן נאכאמאל. אויב גענוג מענטשן זענען אזוי' מחליט, מיינט עס אז מיר קענען אראפנעמען דעם פראדוקט פון די פאליצעס און דאן איז שוין צו שפעט עס איבערצומאכן אפילו מיט א קליינע טעם ענדערונג, ווייל דער מענטש גייט שוין מער נישט קויפן דעם פראדוקט.

אבער מיין נישט אז דאס איז נאר איידער מיר לייגן ארויף א נייעם פראדוקט אויף די פאליצעס. דאס זעלבע טו איך יעדעס מאל וואס ס'קומט אן א נייע שיפמענט, אפילו ווען די רעדע איז פון עפעס וואס ליגט שוין לאנגע יארן אויף די פאליצעס.

## וואס הייסט? וואס קען זיין נוגע ביי סתם א פרישער שיפמענט?

יעדער שיפמענט קען זיין אנדערש ווי די פריערדיגע. מ'מאכט דאך פון פריש דעם רעצעפט, און ס'קען זיך מאכן אז מ'זאל אמאל אריינלייגן פון עפעס מער אדער ווייניגער, וואס דאס קען טוישן דעם טעם. נישט אז ס'געשעט אפט, ס'געשעט כמעט קיינמאל נישט, אבער ס'קען געשען. כדי דאס צו פארמיידן האב איך געמאכט אן איינפיר אז פון יעדן פרישן שיפמענט מוז מען מיר ברענגען צו פארזוכן. איך בין עס טועם און איך מאך זיכער אז ס'האט דעם ריכטיגן טעם.

ס'האט שוין פאסירט אז מיר האבן אמאל אוועקגעשיקט א גאנצן שיפמענט ווייל דער טעם איז נישט געווען דאס וואס מיר האבן פארלאנגט און געוואלט זען.

איינמאל האב איך געהאט א פאל ווען איך האב טועם געווען פון א נייעם שיפמענט און באלד געשפירט אז דער טעם איז נישט דאס זעלבע, רוף איך אן די קאמפאני און זיי זאגן מיר אז יא, זיי האבן עפעס געטוישט, זיי האבן צוגעלייגט 'וויטאמין סי', און יענער זאגט מיר אז זיי האבן געהאט רשות דערויף פונעם מערכת הכשרות.

איך האב יענעם געזאגט, "הער מיך אויס. ווען איך וועל וועלן פארקויפן וויטאמין סי וועל איך עס טון, אבער נישט דאס האב איך באשטעלט ביי דיר. איך דארף דעם זעלבן קענדי וואס איך האב באקומען פון דיר ביז היינט און זיי מוחל נעם דיר צוריק דעם שיפמענט".

אסאך מאל ווען ס'איז נישט די שולד פון דער פירמע, אדער ס'זענען דא פעלער ווען מיר קענען עס נישט צוריקגעבן, וועלן מיר

עס ענדערש פארקויפן פאר א גוי'שן סוחר, אפילו מיר האבן שאדן געלט.

## ווען מענטשן וואלטן נאר געוואוסט וויפיל ארבעט מ'לייגט אריין אין די נאשעריי...

ווען אלעס גייט געשמירט הערט מען נישט אזויפיל צוריק פון מענטשן, ווייל דאן איז דער עולם צופרידן און ס'דערקענט זיך אין די פארקויפונגען פונעם פראדוקט. מ'הערט אבער צוריק ווען עפעס איז נישט דא צו באקומען, אדער ווען עפעס מאכט פראבלעמען מיט'ן טעם, דעמאלט הערט מען אוודאי צוריק אין גרויסן.

דער מציאות איז אז די כשר'ע אידישע מארקעט האט היינט אסאך בעסערע מאכלים און קענדיס פון דעם וואס ס'איז דא אין דער גוי'אישער גאס. דאס איז צו פארדאנקען די שווערע ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט דורך די היימישע פירמעס אין די נאשעריי ליין, אריינגערעכנט אונזערע קאנקורענטן, צו ערצייגן "היי-קוואליטי" כשר'ע פראדוקטן.

## פון וועלכן שטאפל ווערט די מערכת הכשרות אריינגעמישט?

איך ארבעט זייער אסאך מיט הרב בנימין ארי' גליק שליט"א פון די הויפט מפקחים אינעם מערכת הכשרות, וואס ער האט מיט זיך א שטאב פון משגיחים וועלכע זענען אקטיוו פארבונדן מיט די פאבריקן פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת, ממש יומם ולילה לא ישבותו.

ס'זענען דא זייער אסאך קענדיס און נאש וואס מיר ווילן אריינברענגען אינעם מארקעט און ס'גייט נישט אזוי לייכט. מ'דארף אינוועסטירן דערין אסאך ענערגיע, מ'פרובירט איין וועג און ס'גייט נישט. מ'פרובירט א צווייטן וועג און ס'גייט ווידעראמאל נישט. אסאך מאל פאדערט עס אומגעהויערע ארבעט ביז מיר קענען עפעס ברענגען צום טיש, און צווישן אונז און די מערכת הכשרות גייט אריין שעות אויף שעות צו קענען צושטעלן די נאש.

אפילו אין די פעקעדזשינג איז די מערכת הכשרות אפט פארמישט. אויף איינעם פון אונזערע נייע פראדוקטן האט אונזער דיזיינער געהאט געשטעלט א בילד פון א יונגעלע אויפ'ן פעקל, אבער זיי האבן אנגעמערקט אז ס'קוקט אביסל אויס ווי א מיידל און פארלאנגט אז מ'זאל עס טוישן. מ'האט זיך היפש געדארפט ארומשפילן ביז ס'איז ארויסגעקומען ריכטיג.

## אויף וואס קענט איר אנצייגן אז ס'איז בעסער ווי אין דער אלגעמיינער גאס?

לאמיר נעמען א דוגמא, אין דער נישט כשר'ער וועלט איז שוין לאנגע יארן געווען א געוויסע קענדי דזשעלי וואס מיר האבן געוואוסט אז ס'איז א פאפולערע נאש אין דער אלגעמיינער גאס. האבן מיר זיך אריינגעלייגט אהערצושטעלן דעם צוקערל און עס ארויסגעגעבן מיט'ן נאמען זאזארס. די גוי'אישע ארבעטער וועלכע פארזוכן עס - וואס זיי האבן דאך אויך די אריגינעלע נישט כשר'ע - זיי זאגן אונז אז די כשר'ע ווערסיע איז נאך בעסער ווי דאס וואס מ'פארקויפט אין דער אלגעמיינער גאס.

לאמיך דיר געבן נאך א דוגמא וואו מיר זענען בעסער פון דער אלגעמיינער גאס. ס'איז דא צו באקומען אין דער גאס "צוקער

**דער סדר ביי אונז איז אז איידער מיר קניפן אן א קשר מיט א פאבריק, פרובירן מיר צו באקומען א באריכט פונעם פאבריק איבער זייער מהלך און אלעס ארום, וואס אסאך מאל קען מען שוין פון אזא באריכט זען אז דער פאבריק איז נישט געאייגנט פאר אונז.**









פרייע" קענדיס, אבער אז מ'וועט קוקן אויף דער פושקע וועט מען זען אז ס'פארמאגט 97 קארבס. קארבס איז עפעס וואס דער גוף מאכט פון דעם צוקער. ס'איז טאקע צוקער פריי, אבער ס'פארמאגט צוקער אלקאהאל.

דערפאר זענען מיר ארויסגעקומען מיט א ליניע פון אונזערע אייגענע צוקער פרייע קענדיס, אזוי ווי 'מינט-גאו' און 'בייט-גאו' וועלכע האבן בכלל נישט קיין קארבס, און זיי פראדוצירן נישט קיין קאלאריעס בכלל, און אין צוגאב צו דעם זענען זיי נאך ביליגער ווי אין די נישט כשר'ע מארקעט.

## מילא אז ס'איז בעסער ווי אין דער אלגעמיינער גאס, דאס קען איך נאך הערן, ווייל איך קען דיר דאך נישט אויפווייזן אז נישט... אבער ביליגער, וויאזוי קען בכלל זיין אזא זאך?

ווען מיר האבן אוועקגעשטעלט אונזער פירמע האבן מיר געמאכט א חשבון אז מיר וועלן בעטן ביליגע פרייזן אויף אונזערע זאכן, ביליגער ווי אין דער אלגעמיינער וועלט.

אבער מיין נישט אז ס'איז לשם מצוה. ס'קומט מיט א ביזנעס חשבון, אז ווען א מענטש זעט פאר זיך א ביליגן פראדוקט וואס ס'פארמאגט א געשמאקן טעם וועט ער עס קויפן מער מאל צוליב דעם גוטן פרייז, און אזוי אז מיר מאכן עווענטועל צוריק דאס געלט.

ווי למשל, לאמיר זאגן אז מיר קענען בעטן פאר א געוויסן מאכל דאפלט ווי מיר בעטן יעצט, און מיר וואלטן טאקע פארדינט אויף איין אויספארקויף מער, וואלט אבער א מענטש געטראכט צוויי מאל פאר'ן קויפן דעם פראדוקט נאכאמאל. יעצט אז איך בעט דערויף שפאט ביליג וועט יענער שנעלער צוריקומען כדי עס צו קויפן נאכאמאל, און מיט דעם פארדין איך צוריק דאס וואס איך האב נישט מרויח געווען יענעם ערשטן מאל און נאך מער.

ווען מ'קוקט אויפ'ן מארקעט זעט מען אז ס'זענען דא אסאך פראדוקטן וואס מ'קען באקומען ביי אונז פאר איבער א דאלאר ביליגער ווי אין דער גוי'אישער גאס.

## ווי אזוי איז מען מחליט וואספארא נייע פראדוקטן צו ברענגען צום טיש?

ס'ארבעט נישט אזוי אז מ'איז מחליט. מ'פרובירט וואס ס'איז מעגליך, און דאס ברענגט מען צום טיש.

כדי מיר זאלן קענען ברענגען צום ציבור צווישן פופצן און צוואנציג נייע פראדוקטן א יאר, דארף זיך קאכן ביי מיר אין מוח צווישן הונדערט און הונדערט צוואנציג נייע פראדוקטן און פלענער, און פון דעם בלייבט איבער עטליכע וואס מען קען מיט זיי גיין ווייטער.

טייל וויל איך נישט דורכלאזן, טייל וועט די מערכת הכשרות נישט דורכלאזן, און אין געוויסע פעלער וועט א פלאן אראפגיין פון טיש ווען מ'האלט שוין טיף אינמיטן די פלענער.

ווען די משגיחים פארן אראפ צו א פלענט און זאכן געפעלן זיי נישט, גייט דער פלאן אראפ פון טיש. אויב מאכט זיך אז די מערכת הכשרות זעט אז מ'קען זיך נישט פולקאם פארלאזן אויף א קאמפאני, זיי דרייען מיט דער צונג, זיי זענען נישט אינגאנצן אויפריכטיג מיט אונז, גייט דער פלאן תיכף אראפ פון טיש.

אפילו ס'קוקט אויס פיין, דארף מען זען אז די קאמפאני זאל זיין הונדערט פראצענט אויפריכטיג מיט אלעמען. אין דער מינוט וואס זיי זענען פארדעכטיגט אפילו אויף זאכן וואס האט נישט דירעקט מיט כשרות, קען מען זיי שוין אויף גארנישט גלייבן.

## מענין לענין, לאמיר זיך אביסל מתעמק זיין אין הלכות דזשעלים וקענדים. וואס איז א דזשעלי, וואס איז א קענדי, און וויאזוי ווערט דאס פראדוצירט?

לאמיר אנהייבן מיט דזשעלי. אין דער אלגעמיינער וועלט איז אנגענומען אז דער וועג ווי אזוי מ'מאכט דזשעלי איז דורך סטארטש. מ'נעמט סטארטש, מ'לייגט אריין "פלעיוואָרינג" (טעם), דערנאך קאכט מען עס גענוג לאנג ביז ס'ווערט דזשעלי.

## צוליב וואס לייגט מען אריין סטארטש?

ס'זאל מאכן דיק די דזשעלי.

ווען איינער מאכט א זופ וועט ער נעמען קארן סטארטש, אדער סיי וועלכע אנדערע סטארטש, און עס אריינלייגן אינעם זופ. וואס טוט עס אויף? נישט אלעמאל פעלט עס אויס צום זופ, נאר דאס גיט פאר'ן זופ א געשטעל, ס'מאכט אים דיק.

אויפ'ן זעלבן אופן מאכט מען געווענליך דזשעלי. מ'לייגט אריין אלע צוגעהערן וועלכע געבן דעם טעם, דערנאך לייגט מען צו סטארטש כדי צו געבן פאר'ן דזשעלי דעם געשטעל, אז ס'זאל האבן א פנים ווי א דזשעלי...

מיר מאכן אבער די 'דזשעלאו' אויף מער א געזונטערן וועג. מיר מאכן עס פון פיקטין,

# נאטירליכע פלעיווארס

## א וועלט פון "נאטירליך" און "אריגינעל"...

"נאטירליך" איז א טערמין וואס ווערט היינט באנוצט אויף עסן פראדוקטן מער ווי סיי ווען. פארשידענע ערליי עסנווארג ווערן פארקויפט אין די געשעפטן מיט דעם קאוד-ווארט, ס'גיט אן איינדרוק פון עפעס וואס איז אריגינעל און כשר, דער קונה ווערט שנעל איבערצייגט און ער ווערט אריינגעשלעפט אין א געפיל פון "נאטירליכקייט" און "אריגינעלקייט" וועלכע גיבן אים דעם אפעטיט.

די "לעיבלס" אויף די סארט עסנווארג און געטראנקען שטעלן זיך פאר אלס: "א געוואלדיגער מקור פון געזונטע וויטאמין סי", "צוויי דאזעס א טאג הרג'עט באקטעריע", "ס'איז גוט פאר אייער מאגן און פארדייאונג סיסטעם", "זערא טאקסינס", "עלעקטראלייטס", און די רשימה איז ענדלאז.

דער אומוויסנדער קונה טראכט ביי זיך, וואס קען שוין זיין דער חשש? אביסל "נאטירליכע" קאלירן און נאטירליכע פלעיווארס, צי איז דען פארהאן א כשרות זארג אויף נאטירליכע סובסטאנצן?

### וואס זאגט די עף-די-עי?

פאלגנד איז אן אויסצוג פון די אפיציעלע גיידליינס וואס די עף-די-עי שטעלט פאר פאר די עסן פירמעס, איבער וואס זיי דארפן אלץ ערקלערן אויפ'ן "פעקעדזשינג" בנוגע נאטירליכע פלעיווארס און קאלירן. אט איז וואס ס'כאראקטעריזירט דעם אויסדרוק "נאטירליך":

TITLE 21 - FOOD AND DRUGS - (3) - The term natural flavor or natural flavoring means the essential oil, oleoresin, essence or extractive, protein hydrolysate, distillate, or any product of roasting, heating, or enzymolysis, which contains the flavoring constituents derived from a spice, fruit or fruit juice, vegetable or vegetable juice, edible yeast, herb, bark, bud, root, leaf or similar plant material, meat, seafood, poultry, eggs, dairy products, or fermentation products thereof, whose significant function in food is flavoring rather than nutritional.

אויף אידיש באדייט דאס, אז דער טערמין "נאטירליכע פלעיוואר", אדער "נאטירליכע פלעיווארינגס", קען אנטהאלטן פארשידענע אוילן, באשטאנדטיילן פון געווירצן, פרוכט אדער פרוכט זאפט, גרינצייג אדער גרינצייג זאפט, עסבארע הייוון, פון פארשידענע בלעטער, אדער ענליכע מאטעריאלן גענומען פון געוויקסן, בהמה פלייש, שרצים פון ים, עופות, אייער, מילכיגע פראדוקטן, און אזוי ווייטער.

### ס'זאגט גארנישט אויף כשרות!

דאס הייסט אז לויט די אפיציעלע פארשריפטן פונעם אמעריקאנער עסן און דראג אגענטור, קען די טערמין "נאטירליכע פלעיווארס" געהעריג לעגאל אנטהאלטן צווישן אנדערע, בשר נבילה, שרצים טמאים פון ים, אייער פון עופות טמאים, חלב עכו"ם, גבינת עכו"ם און טריפות.

אינעם סך הכל לערנען מיר פונעם עף-די-עי'ס אפיציעלן דאקומענט, אז דאס ווארט "נאטירליך" זאגט ממש גארנישט אויף "כשרות". ס'באדייט נישט בלויז גראז, פרוכט און גרינצייג, נאר ס'קען פונקט אזוי אנדייטן אויף בהמות טמאות, נבלות וטריפות, נישט כשר'ע פיש און שקצים ורמשים.

דאס איז קריטישע אינפארמאציע וואס מ'דארף געדענקען ווען מ'וויל אמאל קויפן געוויסע נאטירליכע פראדוקטן מיט'ן חשבון אז ס'איז בלויז נאטירליך און ס'דארף נישט קיין השגחה מעולה. זייער אסאך מאל איז די רעדע פון איסורים חמורים.

וואס דאס איז א באשטאנדטייל וועלכער ליגט אין געוויסע פירות. טייל פירות האבן מער פון דעם, טייל ווייניגער, אבער ס'זענען דא אסאך פירות פון וואו מ'קען עס ארויסנעמען.

## וואספארא מעלה האט פיקטין אז ס'קען ערזעצן סטארטש?

ווען מ'קאכט אויף פיקטין ווערט עס הארט, ממילא טוט דאס די זעלבע ארבעט ווי סטארטש, אז ס'מאכט הארט דעם דזשעלי. מ'קען זען אין געשעפטס אסאך מאכלים וואס האבן פיקטין. די בעסטע דוגמא איז 'דזשעלא', דער כוח וועלכער מאכט דאס הארט איז פיקטין.

מ'קען עס אליין פרובירן. אויב מ'נעמט א לימענע און מ'קאכט עס זייער לאנג וועט עס ווערן פאראהארטעוועט אזוי ווי דזשעלא. דאס איז ווייל ס'האט אין זיך פיקטין, און ווען מ'קאכט עס אויף הייבט עס אן צו ארבעטן. עפל האט אויך אסאך פיקטין.

## יעצט ווייסן מיר שוין וואס ס'מאכט הארט דעם דזשעלי, אבער וואס נאך גייט אריין אין די דזשעלים?

נאטירליכע טעם און פארב. אויף ענליש הייסט דאס די 'פלעווארינג' און די 'קאלערינג'.

## און וויאזוי מאכט מען דעם נאטירליכן טעם?

אלע סודות ווילסטו וויסן אין איין באזוך...

## אויב נוצט מען נאר געזונטע באשטאנדטיילן צו פאראהארטעווען דעם דזשעלי, און איר זאגט אז מ'נוצט אויך נאר נאטירליכע טעמים, צי מיינט דאס אז אייערע מאכלים זענען געזונט?

מ'דארף פארשטיין דעם חילוק צווישן "נישט געזונט" און "געזונט". קיין שום נאש איז נישט געזונט ווען מ'עסט צופיל דערפון. אבער ס'זענען דא נאש וואס זענען "נישט געזונט" צוליב דעם וואס ס'פארמאגט אין זיך אסאך מאטעריאלן וועלכע קענען זיין שעדליך פאר קינדער און פאר ערוואקסענע, און דאס פארמאגן נישט אונזערע פראדוקטן.

נישט איך, און נישט מיין שותף, ר' וואלוויש קאהן הי"ו - וואס ער איז דער הויפט פון די גאנצע ביזנעס - זענען יונגעלייט. מיר זענען נישט ווי צוואנציג יעריגע וועלכע אינוועסטירן אין די סטאק מארקעט מיט דער האפענונג צו זען עפעס רווחים אין עטליכע טעג. ווען מיר קומען ארויס מיט א פראדוקט, ווייסן מיר אז דאס איז עפעס וואס מיר ווילן האלטן אויף די פאליצעס אויף כאטש צוואנציג יאר, און מיר קענען נישט לייגן קיין האלבע זאכן, אדער עפעס וואס פארמאגט א שעדליכן אינהאלט.

יעדעס מאל פאר איך באשטעטיג א פראדוקט טראכט איך צו מיר צי איך וואלט געקענט באשטיין אז מיינע קינדער און אייניקלעך זאלן דאס עסן, און נאר נאכדעם וואס איך בין זיכער ביי מיר אז דאס איז א זיכערע זאך באשטעטיג איך עס.

ווי למשל, ס'זענען דא פארשידענע 'קאלערינגס' וועלכע קענען מאכן קינדער היפער-אקטיוו. אסאך לייגן עס אריין אין זייערע נאשערייען, אבער מיר וועלן עס נישט ארייַנלייגן.

## אלע דזשעלים און קענדיס ווערן געמאכט אויף דעם זעלבן אופן מיט פיקטין?

אוודאי נישט. מיר האבן יעצט גערעדט פון דזשעלים, אבער קענדיס און טאפיס קען מען נישט מאכן פון פיקטין. דאס ווערט געמאכט פון אויפגעקאכטע צוקער.

## וואס נאך גייט אריין אין דעם חוץ פון אויפגעקאכטע צוקער?

יעדע קענדי ווערט געמאכט אויף אן אנדערן אופן. יעדעס איינס קאכט מען מיט אן אנדערן מין צוקער, און אויף אן אנדערן אופן. אזוי מאכט מען זיכער אז ס'קומט טאקע ארויס דער קענדי וואס מ'וויל האבן.

בעצם ווערט א קענדי געמאכט מיט א טייג. מ'קנעט צוזאמען אלע באשטאנדטיילן וועלכע דארפן אריינגיין דערין און מ'מאכט א טייג. דער טייג גייט ארויף אויף ספעציעלע טישן, מ'קנעט דארט דעם טייג, און דערנאך ענדיגט מען עס צו לויט ווי אזוי מ'וויל אז ס'זאל אויסקוקן.

טייל קענדיס וויל מען אז זיי זאלן זיין מער הארטע קענדיס, ממילא דארפן זיי געמאכט ווערן אויף א באשטימטן וועג, און אנדערע וואס מ'וויל אז זיי זאלן זיין מער ווייך, מאכט מען אויף א צווייטן אופן.

## זענען דא זאכן וואס מ'מאכט אויך פון מעל?

אוודאי. מיר האבן אסאך פראדוקטן וואס מ'מאכט מיט מעל. מ'קנעט איין א טייג און מ'לייגט אריין די געקינצלטע טעמים, די קאלירן, און ס'ווערט א קענדי. יעדעס מאכל איז א זאך פאר זיך.

## זענען אויך דא קענדיס וואס ווערן געמאכט אן קיין צוגעשטעלטע קאלירן?

יא, מיר האבן א גאנצע רייע פון קענדיס און דזשעלים ווי 'טיני-טעפי', 'זאזאם' און 'טעפים' וואס זענען פריי פון אומנאטירליכע קאלירן, און זיי זענען אויך געשמאק צו עסן.

## לאמיר הערן אביסל וויאזוי ס'גייט די פראדוקציע אין די גוי'אישע פאבריקן.

מ'וועט כמעט קיינמאל נישט גיין צו א גוי'אישן פאבריק וואו מ'נוצט ממש טריפה'נע מאכלים. געווענליך וועט מען נאר גיין צו א פאבריק וואס נוצט באשטאנדטיילן וועלכע מיר קענען נישט נוצן, און דאס ווערט געטוישט.

די מערכת הכשרות האט אסאך זאכן אויף וואס זיי וועלן זיך שטעלן. דער הויפט מפקח אויף דער פראדוקציע, הרב בנימין ארי' גליק שליט"א, און די משגיחים וואס זענען געשטעלט צו באגלייטן אונזער פירמע, זענען גוט אויסגעקאכט אין די טעכנישע חלקים פון אזעלכע אפעראציעס, זיי העלפן אונז ארויס מיט עצות און פלענער וואו מ'קען שאפן די זאכן וואס מיר זוכן און די פאבריקן וואס מיר זוכן, אזוי אז ס'זאל שטימען סיי פונעם ביזנעס פערספעקטיוו און סיי פונעם כשרות שטאנדפונקט.

## מ'כשר'ט יעדן פאבריק פאר מ'נוצט עס?

זיכער. אפילו אויב ס'איז נישט באנוצט געווארן ממש פאר טריפות, איז עס אבער דאך גענוצט געווארן פאר מאכלים וואס מיר עסן נישט, און דער גאנצער פאבריק ווערט גע'כשר'ט פון אנהייב ביז'ן סוף.

דער סדר ביי אונז איז אז איידער מיר קניפן אן א קשר מיט א פאבריק, פרובירן מיר צו באקומען א באריכט פונעם פאבריק איבער זייער מהלך און אלעס ארום, וואס אסאך מאל קען מען שוין פון אזא באריכט זען אז דער

פאבריק איז נישט געאייגנט פאר אונז און די מערכת הכשרות וועט אונז זאגן אז ס'איז א שאד אויף דער צייט אראפצושיקן א משגיח.

אבער אין רוב פעלער וועט די מערכת הכשרות יא אראפשיקן משגיחים, זיי וועלן דורכגיין דעם פאבריק פון אויבן ביז אונטן, דורכגיין יעדן ריר און יעדעס ווינקל. ווי נאר זיי האבן געענדיגט איבערגיין אלע פרטים, שיקן זיי צוריק א באריכט אויב מ'קען גיין ווייטער מיט דעם פאבריק אדער נישט.

### פארוואס זאל א גוי'אישער פאבריק מסכים זיין צו מאכן אידישע מאכלים? וואס ברענגט עס זיי חוץ קאפווייטאג?

ס'איז פשוט ביזנעס... אויב זיי טוען עס מיינט עס אז זיי מאכן געלט דערויף. ווען נישט וואלטן זיי נישט מסכים געווען, זיי זענען דאך נישט סתם צדיקים.

ס'זענען טאקע דא אסאך פעלער וואו זיי זענען נישט מסכים, וויבאלד ס'לוינט זיך זיי נישט. מ'דארף האבן סייעתא דשמיא און נשיאת חן.

*

נאך א גוטע פאר שעה פון געשמאקע מאמענטן, געזעגענען מיר זיך מיט ר' דוד הי"ו וועלכער באגלייט אונז ארויס ביז צו דער גאס, אבער נישט איידער ער לאדנט אונז אן מיט ריזיגע זעקלעך פון כל טוב וטוב מהנה צו זיין די קינדערלעך אינדערהיים. מעשי ידיו להתפאר.

טייל וויל איך נישט דורכלאזן, טייל וועט די מערכת הכשרות נישט דורכלאזן, און אין געוויסע פעלער וועט א פלאן אראפגיין פון טיש ווען מ'האלט שוין טיף אינמיטן די פלענער.











## די פטירה פון הגה"ח רבי עמרם בלוי ז"ל

צווישן די גרויסע פארלוסטן וואס כלל ישראל בכל התפוצות האט געליטן אין דער לעצטער תקופה, איז בולט דאס הסתלקות פון הגה"ח רבי עמרם בלוי ז"ל, וועלכער איז קרוב צו זיבעציג יאר געווען פון די אקטיווע מיטגלידער אין דער השגחה פון דער עדה און האט געדינט אלס יושב ראש פונעם ועד הכשרות.

רבי עמרם ז"ל איז געבוירן געווארן אין ארץ ישראל בשנת תרצ"ב צו זיין טאטן הרה"צ רבי יעקב בלוי זצ"ל פון די באקאנטע צדיקי ירושלים. בהגיע לפרקו איז ער אן איידעם געווארן ביי הגאון רבי בנימין זאב סאקאלאווסקי זצ"ל.

אין שנת תשי"ב האט ער אנגעהויבן זיין עבודת הקדש אלס משגיח אינעם ועד הכשרות פון דער עדה, און פון דאן און ווייטער אין לויף פון קרוב צו זיבעציג יאר, כולן שווין לטובה, איז ער געווען פון די שטארקע כוחות אין דער השגחה פון דער עדה, און איז שפעטער נתמנה געווארן אלס דער יושב ראש פונעם ועד הכשרות.

ער איז געווען א ידען ובקי נפלא אין אלעס וואס אנבאלאנגט דעם שדה הכשרות, און פילע משגיחים און מורי הוראה האבן זיך כסדר מתייעץ געווען מיט אים בעניני כשרות, ביי יעדער שאלה וואס האט זיך געמאכט האט ער אנגעצייגט וויאזוי די רבנים פונעם פריערדיגן דור האבן זיך אין אזעלכע פעלער געפירט.



רבי עמרם ז"ל האט מחזיר געווען נשמתו הטהורה ליוצרו פארגאנגענעם מוצש"ק דברים ה' אב תשפ"א לפ"ק. די לויה איז ארויס פון בית הלויות אויף רחוב שמגר אין ירושלים און ער איז נטמן געווארן אויפ'ן הר המנוחות.

אויף דער פטירה פון רבי עמרם ווערט ריכטיג געזאגט אינעם עולם הכשרות "חבל על דאבדין ולא משתכחין!".

## די מילבן אין קערעסטיר



אין דער "קערעסטירער טאג בוך" אויסגאבע איז ערשינען אן אינטערעסאנטער עפיזאד, וואס האט זיך לעצטענס אפגעשפילט אינעם קאך פון הכנסת אורחים שע"י ביתו נאוה קודש של הרה"ק ר' ישעי'לע זצ"ל אין קערעסטיר.

ס'איז געווען עטליכע וואכן צוריק ווען אין קאך האט מען זיך פיבערהאפטיג געגרייט אויפצונעמען די חשוב'ע געסט וועלכע קומען צו פארן קיין פוילן צום יארצייט פון הרה"ק בעל בני יששכר מדינוב זי"ע, ח"י טבת, ווייל ס'איז שוין היינט דער סטאנדארט אז אלע קבוצות וועלכע פארן אויף די מקומות הקדושים מאכן זייער הויפט אפשטעל סטאנציע אין קערעסטיר.

ארויסנעמענדיג די פילע זעק מיט גערשטן, וועלכע זענען נאך געווען צוגעגרייט פון פאראיאר צו ווערן געקאכט פאר די טויזנטער אורחים וואס מ'האט ערווארטעט צו דער הילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, ג' אייר, נאר צום סוף זענען די גרעניצן ליידער געווען פארשלאסן, האט מען באמערקט אויף איין זאק וואס איז געלעגן הארט אויפ'ן "שעלף" און נישט אויף "פעללעטס", אז ס'האט אויף זיך נאר פונדרויסן אביסלע מילבן.

כאטש פונעם הלכה'דיגן שטאנדפונקט וואלט מען געקענט טרעפן א לכתחילה'דיגן וועג ארויס, האט מען מחליט געווען אז היות מיר פירן זיך מיט'ן כלל אז "א שאלה איז טרייף", וועט מען דעריבער ארויסווארפן אלע זעק וואס זענען געלעגן נאנט צו דעם זאק. אומר ועושה, און מ'האט ארויסגעווארפן אלע גערשטן!

אין דער לעצטער מינוט האט מען געדארפט ארומלויפן צו די לאקאלע געשעפטן - ווייל די גרויסע סופערמארקעטס זענען שוין געווען געשפארט פון דאנערשטאג צוועלף אזייגער צוליב חגא - כדי צוצושטעלן פאר די אורחים די העכסטע סטאנדארט אין כשרות, און זיך נישט פארלאזן אויף קולות און היתרים, נאר אלעס זאל זיין בתכלית ההידור למהדרין מן המהדרין.

# פון זהירות בכשרות דערלייגט מען נישט



הרה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א האט לעצטנס דערציילט איבער א פרישע עפיזאד וואס האט זיך נארוואס אפגעשפילט, ווען אן אייגנטימער פון א כשר'ער בעקעריי זיך געכאפט אז א גאנצע פראדוקציע פון דאונאטס איז אונטער אן ערנסטן פראגע צייכן, נאכדעם וואס א גוי'אישער ארבייטער האט בטעות אנגעצונדן די פייער און גורם געווען א שאלה איבער בישול עכו"ם.

טראץ די פארשידענע היתרים וואס מ'קען דן זיין, האבן אבער די בעלי בתים געהאט באשלאסן צו דערלייגן דאס גאנצע געלט און האבן ארויסגעגעבן א "ריקאל" אויף די דאונאטס וועלכע זענען שוין פארקויפט געווארן, צוריקגעבנדיג דאס געלט פאר די קונדן.



א וואוילטעטיגע ארגאניזאציע וועלכע האט געהערט וועגן דעם אינצידענט האט זיך פארבונדן מיט דער בעקעריי, זאגנדיג אז אנשטאט ארויסצואווארפן דעם גאנצן פאק פון דאונאטס זאל מען דאס ענדערש געבן פאר די גוי'אישע אנגעשטעלטע אין א לאקאלן שפיטאל, אלס א צייכן פון הכרת הטוב אין דער יעצטיגער שווערער געזונטהייט סיטואציע.

די אייגנטימער האבן אזוי געטון און ס'האט זיך ארויסגעוויזן אז מ'דערלייגט נישט פון מדקדק זיין בהלכה, ווייל נאכדעם וואס דער שפיטאל שטאב איז אנטציקט געווארן פון די געשמאקע דאונאטס, האבן זיי זינט דאן שוין מערערע מאל געמאכט גרויסע באשטעלונגען ביי דער בעקעריי און דער ריוח איז פילפאכיג איבערגעשטיגן דעם שאדן!

# אסיפה פאר שוב"ים ומשגיחים

פארגאנגעם מיטוואך שמות איז אפגעהאלטן געווארן אן אסיפה צווישן פילע חשובע שובי"ם און משגיחים אינערהאלב דעם מערכת הכשרות. די אסיפה איז פארגעקומען אין מאנסי און איז אדרעסירט געווארן דורך הגה"צ רבי הלל וויינבערגער שליט"א, דומ"ץ נייטרא מאונט קיסקא וראש מערכת הכשרות.

ווי געוועגליך ביי אזעלכע אסיפות, איז אויסגעשמועסט געווארן די לעצטיגע שאלות וואס זענען אנגעקומען צום טיש פונעם מערכת הכשרות, און דער רב שליט"א האט אדרעסירט די פילע נייע טעכנישע פאקטארן אויף וואס מ'דארף נזהר זיין במלאכת הקודש.




מערכת הכשרות
CRC KASHRUS
לכבוד מעלת השוביים ומשגיחים החשובים שליט"א
יתקיים
אסיפה
בעיר מאנסי נ.י.
בביהמ"ד התאחדות אברכים סאטמאר
18 Stephens Place
Spring Valley, NY
בשעה 3:00 אחה"צ
נא לבוא בזמן בדיוק

# די השגחה אין ווייטער בתוקף

א מערקווירדיגער בריוו אין ליכט פונעם מצב פון קאראנע איבער דער וועלט, איז לעצטנס ערשינען פון הגה"צ רבי שמואל בראנדסדארפער שליט"א פון די חשוב'ע רבנים אינערהאלב דער עדה החרדית אין ירושלים עיה"ק.

אינעם בריוו שרייבט דער רב, אז כאטש וואס אינעם יעצטיגן קאראנע מצב איז נישט פאראן די מעגליכקייט אז ס'זאל זיין א משגיח קבוע מטעם דער עדה החרדית אין איינע פון די קיכן וואס איז אונטער דער אויפזיכט פון דער עדה, דאך טראץ דעם צייטווייליגן חסרון ההידור, ווערט יעדער טריט ווייטער באגלייט פונדערווייטנס.

דער רב פירט אויס "וכמו בעבר כן עתה אני מלווה את המטבחים עד שנוכל בעז"ה להחזיר המצב לסדרו כמקודם במהרה בעז"ה. המשגיח מטעמי הוא הרב נחמן קירשבוים נ"י. אישור זה בתוקף עד ערב פסח ה'תשפ"א".


Shmuel Brandsdorfer

יום ג' לסדר וכלכלתי אותך שם ד' כסלו התשפ"א

היות ובעקבות מגיפת הקורונה המשתוללת בעולם, אין אפשרות שיהיה משגיח קבוע מטעם ה בד"צ שע"י העדה"ח במטבח חושן ומאחר ואני מלווה את כל ענייני כשרות המטבחים זה רבות בשנים הנני להודיע כי למרות חסרון ההידור במשגיח קבוע מטעם וועד הכשרות של העדה"ח, בפועל מטבחי "גלאט-תור" באומן פועלים על פי כל הנחיות וועד הכשרות של העדה"ח וכמו בעבר כן עתה אני מלווה את המטבחים עד שנוכל בעז"ה להחזיר המצב לסדרו כמקודם במהרה בעז"ה המשגיח מטעמי הוא הרב נחמן קירשבוים נ"י

**אישור זה בתוקף עד ערב פסח התשפ"א**

# קאליפלאוער צוריקגערופן אין לאס אנדזשעלעס

אין אן "אימעיל אפדעיט" וואס דער אפיס פון מערכת הכשרות האט לעצטנס ארויסגעשיקט צו די משגיחים אויפ'ן פראנט, אונטערן קעפל "אין ניו יארק איז נישטא קיין ריקאל", איז מיטגעטיילט געווארן א ווערטפולע עפיזאד אין באצוג צו דער פאפולערער פרדס פירמע.

די פירמע פארקויפט שוין יארן געפרוירענע גרינצייג וואס וואקסן מיט אן השגחה אין גרינהאוז פעלדער, נקי מחשש תולעים. אסאך פון די סחורה קומט מעבר לים, ווייל אין אמעריקע וואקסן נישט אלע סארטן פרוכט און גרינצייג.




די מערכת הכשרות האט א שטאב פון משגיחים אין אויסלאנד ביי יעדן שניט, צו באקוקן דארט די פעלדער. די משגיחים זענען בודק במשך די פראדוקציע צי ס'איז אינגאנצן ריין, און ווי נאר ס'ווערט באשטעטיגט ווערט עס אפגעליפערט קיין אמעריקע.

ווען די סחורה קומט אן אין די פאראייניגטע שטאטן, איז איינגעפירט א גדר לפנים מגדר, אז די לאקאלע משגיחים דאהי נעמען נאכאמאל סעמפלס און מ'מאכט פרישע בדיקות, צו זיכער מאכן אז ס'איז טאקע נאכאלץ הונדערט פראצענט ריין און ס'האט זיך נישט געשעפן קיין תולעים פראבלעמען.

עטליכע וואכן צוריק איז אנגעקומען א פרישע שיפמענט פון אויסלאנד. נאכ'ן דורכגיין די בדיקות איז אנגענומען געווארן אז כאטש להלכה איז עס כשר, אבער וויבאלד עס איז נישט הונדערט פראצענט ריין לויט די געווענליכע הקפדה פונעם מערכת הכשרות, זאל מען דעריבער נישט נוצן דעם גאנצן שיפמענט.

ווען די סחורה ווערט גע'פסל'ט ווען ס'איז נאך אין אויסלאנד, איז דער שאדן נישט אזוי גרויס. דא האט זיך אבער געשעפן א ריזן געלט שאדן, ווייל די סחורה איז שוין געווען אין אמעריקע. דער דיסטריביוטער האט עס דעריבער געמוזט פארקויפן פאר א שיבוש, פאר א גוי'איש עסן-באנק אין דער מידוועסט ראיאן.

למעשה, איז דער עסן-באנק געגאנגען און פארקויפט פון דער סחורה פאר געוויסע גוי'אישע "ניינטי-ניין-סענטס" געשעפטן אין לאס אנדזשעלעס, און די אפיס פון מערכת הכשרות האט ערהאלטן אינפארמאציע אז מ'קען קויפן קאליפלאוער (בלומענקרויט) פונעם גע'פסל'טן שיפמענט אין לאס אנדזשעלעס.

צוליב דעם ווייטן חשש אז דאס קען ח"ו אנקומען צו שומרי תורה ומצוות, האט מען פארלאנגט פונעם עסן-באנק ארויסצוגעבן א "ריקאל", און אלעס איז זאפארט אראפגענומען געווארן פון די פאליציעס.

ל. שטערן

# אונזער דיעטע...

ס'זענען פאראן אזעלכע וואס מ'מיינט אז פון נאטור אויס האבן זיי ליב צו גיין אויף דיעטע. נאנטע חבר'טעס און שכנים וועלן זיי אויפמערקזאם מאכן: "וואס פעלט דיר עס אויס? לאז אפ!" אבער גיי ערקלער זיי פארוואס מ'נעמט זיך אונטער א דיעטע. אמאל איז דאס צוליב איבערוואג, אמאל איז דאס צוליב צוקער, בלוט כאלעסטעראל, אדער אנדערע געזונטהייט סיבות.

ס'זענען פאראן מענטשן וואס זענען עמפינדליך צו גלוטן, אייער א.ד.ג. און מ'דארף זיך צוריקהאלטן פון שטיין נאנט צו אזעלכע עסנווארג. אזוי צו אזוי, די דיעטע ווערט א פראמינענטער טייל פונעם לעבן. מ'געוואוינט זיך איין צו קויפן און אריינברענגען אין שטוב נאר די אדער יענע פראדוקטן, און מ'האלט זיך צוריק פון איינקויפן פראדוקטן וואס זענען נישט אין איינקלאנג מיט די נאטירליכע אדער געזונטהייט רעגולאציעס.

אינסטינקטיוו געוואוינען מיר זיך איין צו כאפן א בליק אויף יעדן שאכטל אין גראסערי, און מ'געוואוינט זיך צו ווי אזוי צוצוגרייטן דאס עסנווארג. מ'געוואוינט איין די ארומיגע אז דאס איז דער פאקט ווי אזוי מ'לעבט, און אויך ווען מ'געפינט זיך אין דער פרעמד ווייסט מען צו זיין געהיטן און עסן נאר וואס ס'איז גוט פאר אונז. יעדער איינער מיט זיין דיעטע.

*

מיר האבן אן אייגנארטיגע דיעטע. א דיעטע פון דער תורה. און געלויבט דער אויבערשטער אז דאס איז נישט קיין הונגער דיעטע. בכלל נישט.

אין די ראמען פון דער דיעטע האבן מיר א ברייטן און קאלירפולן אויסוואל וואס צו עסן. ס'פעלט אונז נישט, און ס'זאל אונז נישט פעלן, און נאכ'ן זיך איינגעוואוינען צו דער דיעטע ווערט דאס א פראמינענטער טייל פון אונזער לעבן, אזוי ווי ביי יעדער דיעטע. ס'איז נישט שווער און ס'איז א טייל פון אונזער טאג טעגליכן לעבן.

*

און וואס האבן מיר פון דער דיעטע?! וואס איז דער תועלת?!

חז"ל לערנען אונז: "והתקדשתם והייתם קדושים'. ווען א מענטש הייליגט זיך אביסל, הייליגט מען אים אסאך. ווען א מענטש הייליגט זיך דא אונטן, הייליגט מען אים אים אסאך דארט אויבן".

"אדם מקדש עצמו מעט", מ'באצאלט נאך אפאר צענט אדער דאלאר כדי צו קויפן א גרינצייג אדער פרוכט וואס איז ריין פון ווערעם; מ'איז מקדיש נאך צען מינוט אין גראסערי אויסצוקלויבן מער תורה'דיגע עסן, עסן וואס איז מער געאייגנט פאר אונזער דיעטע; אמאל בלייבט מען הונגעריג א שעה צוויי כדי נישט אריינצוגיין אין א רעסטאראן וואס מ'קען נישט דעם הכשר.

"אדם מקדש עצמו מעט", אבער אין דער זעלבער צייט ווערן מיר אויבן אין הימל אסאך מער געהייליגט און גערייניגט. מיר באקומען א רוח טהרה, א רוח טהרה וואס גייט אריין אין אונז און גייט אריבער צו אונזערע קינדער און צו אונזערע דורות!



הרב אשר הכהן פרידמאן

# ס׳דערקענט זיך אין חדר...

איך האב די זכיה צו זיין א מלמד כמה וכמה שנים צום גוטן. ווען ס׳קומט צו דער נושא פון זהירות בכשרות המאכלים איז איבריג צו רעדן איבער דעם חומר הענין, ווי מ׳זעט אין חז״ל און אין הלכה אז עפעס וואס איז נישט אזוי ווייט מהודר בכשרות, ברענגט ליידער א טמטום הלב.

איך קען געוויסע ערליכע משפחות וואס זענען באמת מדקדק צו עסן בלויז היימיש געמאכטע עסן, און נאר וואס זיי אליין שטייען דערביי צו זען מיט די אייגענע אויגן אז אלעס איז בתכלית ההידור. אין דער היינטיגער וועלט פארלאנגט זיך דערפאר מער ווי אביסל מסירות נפש, אבער זייערע קינדער האבן ב״ה א שטערקערע לב מבין אויף תורה און א גרעסער הארץ פאר די מצוות ה׳.

היינט איז אלעס געווארן א מאסן פראדוקציע. אמאל האט מען אליין כשר געמאכט די עופות, אליין געשניטן ווייץ, געמאלן, געבאקן. היינט גייט מען אין געשעפט און מ׳קויפט כל מה שהעין רואה והלב חומד. אלעס קומט פון קאמפאניס, אוודאי ערליכע פירמעס, אבער דער וואס עסט פון אלע סארט הכשרים וואס ער קען ניטאמאל די בעלי מכשירים, ער פארלאזט זיך סתם אזוי בלינדערהייט, און זיך נאכפרעגן און הערן פון די בעלי מכשירים, קאסט דאס ליידער אפ א שרעקליכן טמטום הלב וואס איז זייער שכיח בדורינו אנו.

## מ׳זעט עס אין חדר

ווען מ׳זעט אז א קינד לערנט נישט, אדער ער לערנט יא אבער ער פארשטייט נישט די תורה, ס׳גייט פשוט נישט אריין אין אים, קענען זיין אסאך סיבות דערצו. אבער דער פאקט איז אז זיין קאפ איז נישטא, אדער ווייל ער האט נישט די כשרונות דערצו, אדער ווייל ער גיסט זיך נישט אפ נעגל וואסער ביים בעט, אדער פירט ער זיך נישט געוונג בקדושה, אדער ליגט ער צו שטארק אין אכילה, וכדומה. דאס איז אמאל זיכער, אז עסן כל מיני מאכלים און קיין גדרים וסייגים, ברענגט טמטום הלב.

ווען איך זע א קינד וואס האט אבער יא א גוטן



קאפ אין דברי חולין, למשל ער קען איבערזאגן אויסנווייניג א גאנצן סדר פון א פאפולערן שפיל, אדער ער ווייסט פונקטליך וועלכע פירמע קאר איז טייערער אדער ביליגער ווי די אנדערע, און בלויז ווען ס'קומט צום לערנען קען ער גארנישט, ניטאמאל די עברי טייטש, פרעג איך אים אפאר שאלות. דאס ערשטע איז אויב ער גיסט זיך נעגל וואסער. צווייטנס, אויב ער עסט מאכלי שבת. דריטנס, אויב זיי האבן א רב וועמען זיי פרעגן זייערע שאלות. ואחרון חביב, צי איז דא געוויסע הכשרים אויף וועמען מ'פארלאזט זיך נישט, אדער אלעס וואס האט 'אידישע אותיות' איז כשר וישר. איך גלייב אז איר פארשטייט אליין דעם תירוץ.

אינעם היינטיגן דור איז נישט גרינג זיך צו האלטן פעסט און נישט עסן מכל הבא ליד, אבער ווען ס'קומט צו מאכן א סייג לתורה דארף מען זיך נישט שעמען. אויף דעם איז געזאגט געווארן דער ערשטער סעיף אין שולחן ערוך (או"ח סי' א) "ולא יתבייש מפני המלעיגים עליו!"

מדקדק זיין אויף כשרות איז נישט עפעס א פרומקייט, אן ערליכקייט ווי א חומרא, נאר ס'איז פון די יסודי היסודות. אפילו די פוסקים וועלכע האבן כסדר זיך באנוצט מיט זייער געוואלדיגע כוחא דהיתרא, און אלעמאל מלמד זכות געווען אויף אידן, האבן זיי אבער ביים ענין פון כשרות שטארק מקפיד געווען, ווייל דער טמטום הלב פאסירט אפילו ווען מ'עסט דברים אסורים בשוגג.

## וואס דער רמב"ם האט געענטפערט

צו פארשטיין די הארבקייט ווי ווייט דער שכל קען נעבעך פארדרייט ווערן פון אי' זהירות בכשרות המאכלים, איז כדאי צו דערציילן די פאלגנדע מעשה:

דער הייליגער תולדות ברענגט (צפנת פענח פרשת יתרו פן ג', ד"ה ונראה דשמעתי ממורי) א תשובה פון די כתבי הרמב"ם. ס'איז אנגעקומען צום הייליגן רמב"ם א שאלה וועלכע איז געשיקט געווארן דורך א כת וואס איז נעבעך פארפירט געווארן און זיי



האבן אנגעפאנגען מפקפק צו זיין אין תחיית המתים. זיי האבן געשריבן צום רמב"ם אז תחיית המתים שטייט נישט ארויס אין תורה שבכתב, ס'איז נאר א דרשת חז"ל (סנהדרין ריש פרק חלק), און ממילא האבן זיי פרובירט צו דרש'ענען אנדערש פון חז"ל, צווייפלענדיג אינעם אמת פון די דרשות חז"ל רחמנא ליצלן. (ווער עס וויל קען דארט אריינקוקן, ס'איז דא אן אריכות גדול איבער'ן ענין.)

דער רמב"ם האט אפילו נישט געוואלט אליין ענטפערן, נאר ער האט געהייסן זיין תלמיד רבי שמואל אבן תבון זאל אפשרייבן דעם תירוץ. אין יענער תשובה האט ער זיי געשריבן, "וויאזוי איז געשען אז איר זענט צוגעקומען צו זיין כופרים אין דברי חז"ל ר"ל? דאס איז נאר ווייל מ'איז נישט געווען נזהר אין מאכלים אסורים און אין דברים טמאים, דורכדעם איז דער דעת געווארן מטומטם און דער שכל איז געווארן פארדרייט פונעם בלוט וואס קומט ארויס פון די טריפה'נע מאכלים, און דאס האט צוגעברענגט ביז צו דעם אז מ'האט געהאט רח"ל הרהורים און פקפוקים אין די אמונה הקדושה".

צום סוף פירט דער הייליגער רמב"ם אויס זייער שארף, "ווייל איר זענט צוגעקומען אראפצופאלן אזוי ווייט ביז צו האבן ספיקות אין דברי חז"ל וואס דאס איז כפירה, זאלט איר וויסן אז הפורענות קרובה לכם". און אזוי איז טאקע געווען, ס'איז געקומען אויף זיי א מורא'דיגער עונש, א מלך האט זיי געוואלט הרג'ענען און זיי האבן זיך געוואלט ראטעווען דורך שמד, אבער מ'האט זיי נישט מקבל געווען, ומעט מזעיר זענען ניצול געווארן דורכדעם וואס זיי האבן זיך צוריק צוגעטשעפעט צום הייליגן רמב"ם און זיי האבן תשובה געטון. דאס איז דאך מורא'דיג זאכן.

## מיין באבע אין לאגער

מיין באבע ע"ה האט מיר דערציילט אז אין די ביטערע לאגערן ווען ס'איז גארנישט געווען קיין כשר'ע עסן, און די דייטשן ימ"ש האבן ליידער אראפגעלייגט א ריזיגן טאפ זופ, קוים וואס מ'קען עס רופן זופ, און כאטש על פי הלכה האט מען געמעגט עסן אלס פיקוח נפש, האבן זיך די ערליכע אידן געהאלטן פעלזן פעסט און נישט געוואלט פאר'טרפה'נען זייער נשמה.

היינט האט מען ב"ה פון אלעם גוטן, מוז מען זיך אויך נאכגעבן נאך עפעס א תאוה'לע, וואס מ'ווייסט אפילו נישט וועלכע סטאנדארט אין כשרות דאס איז...?!

יעדער מענטש מוז מאכן א משמרת למשמרת, אזוי וועט מען האבן סייעתא דשמיא זיך צו היטן פון כל מיני פראבלעמען, צי ס'איז שאלות בעניני תולעים, וואס מיט איין תולעת און איין שרץ איז מען עובר אויף פיל לאוין מן התורה, צי אנדערע זאכן, וואס אויף יעדער זאך דארף מען וויסן בדקדוק רב.

*

בזכות וואס מיר וועלן זיך היטן מדקדק צו זיין מיט אן אמת'ע זהירות בכשרות המאכלים, וועלן מיר זוכה זיין גוט מחנך צו זיין אונזערע זין און טעכטער, אז זיי זאלן זיין מאירים את העולם בתורה ומעשים טובים ובכל מלאכת עבודת הבורא יתברך שמו.

## הוראות פון
# פרוכטן
### באארבייט דורך די מערכת הכשרות

געטרוקנטע פרוכט דארף האבן א פארלעסליכע השגחה, צוליב "פלעיווארס" און אנדערע זאכן וואס ווערן צוגעלייגט, ווי אויך צוליב די כלים אויף וואס זיי ווערן געטרוקנט. אפילו ביי די פרוכט מיט א פארלעסליכע השגחה קען זיך מאכן דערין ווערעם נאכ'ן פאקן, דעריבער דארף מען אליין פארזיכטיג זיין, לויט די פאלגנדע הוראות.




### 1

**פרישע: זענען ריין פון ווערעם.** אבער אויב איז דא א שטיקל וואס איז פארפוילט, קען זיין אז דארט איז ווערעמדיג, זאל מען עס אוועקשניידן.

**געטרוקנטע:** די פון קאליפארניע זענען **על פי רוב ריין פון ווערעם.** די רויטע פלעקן זענען נישט קיין סימן פון ווערעם, אבער ס'איז ראטזאם צו באקוקן עטליכע פון יעדן שאכטל דורכ'ן עפענען און קוקן אויב ס'איז דא א פארקלעבטע ווארעם. אויב איז עס ריין, קען מען אננעמען אז די איבריגע זענען אויך ריין, אבער אויב טרעפט מען א ווארעם, דארף מען באקוקן יעדעס איינס. מדקדקים באקוקן אלעמאל יעדעס איינס.

**די טערקישע: טרעפן זיך דערין ווערעם,** דעריבער איז וויכטיג צו באקוקן יעדס איינס, דורכ'ן עפענען און קוקן אויב ס'איז דא א פארקלעבטע ווארעם.

### 2

די שאלעכץ **זענען אפט ווערעמדיג** (מיט "סקעיל" ווערעם), אויך איז דא דערביי דער חשש פון באשמירטע שאלעכץ, דעריבער זאל מען נישט נוצן די שאלעכץ נאר אויב מ'שיילט אפ די אויבערשטע שיכט.

ווען מ'מאכט אליין דזשוס מיט א מאשין וואס קוועטשט די פרוכט צוזאמען מיט די שאלעכץ, קענען דאן די ווערעם אריינגיין אינעם דזשוס. דעריבער זאל מען עס דורכזייען מיט א העמד אדער מיט א סחורה'נעם זייער נאכ'ן קוועטשן, אדער זאל מען אפשיילן די שאלעכץ, לכל הפחות די אויבערשטע שיכט, פאר'ן קוועטשן.

### 3

**ס'איז זייער ווערעמדיג.** מערסטנס געפינען זיי זיך אינעווייניג. מ'מעג זיי עסן נאר נאכ'ן גוט באקוקן פונדרויסן צי ס'איז נישט דא דערויף קיין געוועב ("הענגעדיגע פעדימער"), אדער אסאך ברעקלעך, אדער לעכער.

אויב ס'איז ריין פונדרויסן, זאל מען עס צעברעכן אויף קליינע שטיקלעך און באקוקן אינעווייניג צי ס'איז נישט דא דערין קיין געוועב, אדער אסאך

ברעקלעך, אדער לעכער. אויב געפינט מען איינע פון די סימנים, זאל מען נישט עסן דעם גאנצן באקסער.

### 4

צוליב'ן חשש פון די באשמירטע שאלעכץ, זאל מען עס אפשיילן פאר'ן עסן, קאכן אדער באקן.

די ברוינע בארן (bosc) דארף מען נישט שיילן. ס'ווערט נישט באשמירט.

### 5

אלע סארטן, פרישע און געפרוירענע, אפילו די פון גוטע קוואליטעט, **זענען אפט ווערעמדיג** ביים שפיץ קרוין, אויך זענען דא "סקעילס" ווערעם אויף די שאלעכץ פונדרויסן, דעריבער זאל מען עס נישט עסן.

די וואס האבן די השגחה פון מערכת הכשרות, ווערן באקוקט דורך משגיחים מומחים און איז נקי מחשש תולעים.

### 6

אלע סארטן פרישע און געפרוירענע **זענען זייער ווערעמדיג**, ס'איז נישט מעגליך זיי צו באקוקן, דעריבער זאל מען דאס נישט נוצן.

די רעספבערי פראדוקטן מיט דער השגחה פון מערכת הכשרות, ווערן פראדוצירט פון א דזשוס וואס ווערט גאר גוט דורכגעפילטערט און האט נישט קיין חשש תולעים.

### 7

**פרישע: איז ריין פון ווערים.**

**געטרוקענטע: די פון קאליפארניע קען זיך טרעפן דערין ווערים**, דעריבער איז ראטזאם מען זאל עס עפענען און גוט באקוקן, אויב זעט מען סיי וואספארא סימנים פון ווערים, וועבינג אדער ברוינע ברעקלעך וכדומה, זאל מען דאס נישט עסן. [ווייסע ברעקלעך איז פארטריקענטע זיסקייט, און נישט קיין סימן פון ווערים.] **די פון טוניזע און פאקיסטאן וכדומה, זענען בדרך כלל ווערימ'דיג**, מען זאל עס נישט עסן. **די** Medjool **פון אמעריקא אדער ארץ ישראל זענען געווענליך ריין.**

### 8

אלע סארטן פון אלע מדינות **זענען אפט ווערעמדיג**, דעריבער דארף מען א געווענליכע געהענגל צעטיילן אין קלענערע געהענגלעך, דערנאך גרונטליך דורכשווענקן דריי מאל אונטער א שטארקן שטראם פון קאלט וואסער און זיכער מאכן אז יעדער טרויב איז געווארן גוט און גרונטליך אפגעשווענקט.

אויב וויל מען עס עסן שבת אדער יו"ט, זאל מען עס לכתחילה אפשווענקען ערב שבת און ערב יו"ט, צוליב דעם חשש פון איסור בורר.

די וואס מאכן מאסט אדער וויין, זאלן אפשווענקען די טרויבן, און נאכ'ן איסקוועטשן זאל מען עס דורכזייען מיט א העמד אדער סחורה'נעם זייער.

### 9

**ס'איז ריין פון ווערעם.** אבער אויב איז דא א שטיקל וואס איז פארפוילט, קען זיין אז דארט איז ווערעמדיג, זאל מען עס אוועקשניידן. ס'קען זיך אויך טרעפן דערין גאר זעלטן א ווארעם ביים קערל, איבערהויפט ווען דער קערל איז צעשפאלטן, דעריבער איז דא וואס זענען מהדר עס אויפצושניידן און באקוקן.

צוליב דעם חשש פון באשמירטע שאלעכץ, איז א הידור עס צו וואשן מיט זייף וואסער. מ'איז נישט מחויב דאס אפצושיילן.

**געטרוקענטע פרונס** (prunes): פון גוטע קוואליטעט זענען ריין פון ווערעם.

### 10

אלע סארטן פרישע און געפרוירענע **זענען זייער ווערעמדיג**, ממילא זאל מען עס נישט נוצן. (מ'מעג עס נאר נוצן דורכ'ן אפשניידן די בלעטער, מיטשניידן א דינע שיכט פונעם סטראבעררי, זיכער מאכן אז ס'איז נישט געווארן קיין לאך, דערנאך אפשיילן דעם גאנצן סטראבעררי, זיכער מאכן אז ס'איז גאנץ גלאט אן גריבלעך, און אפשווענקען אונטער א שטארקן שטראם וואסער, רייבנדיג דערביי מיט די הענט.)

די פארפרוירענע מיט דער השגחה פון מערכת הכשרות, ווערן באקוקט דורך משגיחים מומחים און זענען נקי מחשש תולעים.

### 11

**פרישע: אין איינצעלע פעלער טרעפן זיך דערין ווערים**, אינעווייניג צווישן די קליינע קערלעך, אויך אונטן אינעם עפענונג פונעם פייג די פארקערטע זייט פונעם הענטל. עס איז ראטזאם מען זאל עס צושניידן אין האלב, אוועקשניידן דעם אונטערשטן עפענונג, ארויסוויקלן די אינעווייניגסטע טייל, אז די קערלעך זאלן ווערן צושפרייט, דאן זאל מען עס זייער פארזיכטיג באקוקן, די ווערים זענען זייער ענליך צו די פעדימער פונעם פייג.

**געטרוקענטע: זענען זייער ווערימ'דיג** אינעם פלייש צווישן די קערלעך. היות די ווערים זענען זייער שווער צו באמערקן, דעריבער איז דא וואס זענען זיך מונע דאס צו עסן.

### 12

די שאלעכץ און די אויבערשטע בלעטער **זענען זייער ווערעמדיג**. דעריבער זאל מען אכט געבן ווען מ'שיילט עס אפ, אז ס'זאל נישט בלייבן קיין ברוינע פינטעלעך פונעם שאלעכץ אויפ'ן פיינעפל, דערנאך זאל מען גוט אפשווענקן דעם פיינעפל.

אויב מ'נוצט די בלעטער אויף צו באצירן א פרוכט טאץ וכדומה, דארף מען עס ארומנעמען מיט א פלעסטיק.

פיינעפל פראדוקטן מיט דער השגחה פון מערכת הכשרות ווערן געמאכט נאר מיט די אינעווייניגסטע טיילן בלי חשש תולעים. די קאנזערווירטע (canned) זענען געפאקט אין סירופ, נישט אין עכטע דזשוס.

### 13

אלע סארטן, די טונקעלע און די ליכטיגע, **זענען זייער ווערעמדיג**. זיי קלעבן זיך אן צום טרויב ווען זיי זענען נאך אויפ'ן פעלד. ס'איז נישט דא קיין שום וועג וויאזוי דאס צו רייניגן, דעריבער זאל מען עס נישט נוצן.

אין די פראדוקטן מיט דער השגחה פון מערכת הכשרות ווערט גענוצט נאר "קארענטס" (currents) וואס זענען ענליך אין אויסזען צו ראזשינקעס און זענען ריין פון ווערעם.

### 14

**ס'איז ריין פון ווערעם.**

הוראות פון

# ניסלעך

## באארבייט דורך די מערכת הכשרות

אפילו ביי ניסלעך מיט א פארלעסליכער השגחה קען זיך מאכן דעריין ווערעם נאכ'ן פאקן, דעריבער דארף מען אליין פארזיכטיג זיין, לויט די פאלגנדע הוראות.




### 1

**ס'איז געוועגליך ריין פון ווערעם**, מ'איז נישט מחויב דאס צו באקוקן. פונדעסטוועגן איז גלייך אז מ'זאל דאס אלעמאל באקוקן דורך עפענען יעדן נוס.

**געבראטענע און געפרעגלטע, אדער אויב ס'האט א "פלעיוואר/סיזאנינג":** עס דארף האבן א פארלעסליכע השגחה, צוליב חששות אויפ'ן אויל און די כלים אין וואס זיי ווערן פראדוצירט.

### 2

**אופגעשיילטע, אויך די באזאלצענע:** עס איז נישטא קיין בישול עכו"ם, ס'האט נישט קיין חששות און **ס'איז ריין פון ווערעם.**

**אפגעשיילטע: ס'איז ריין פון ווערעם.** געבראטענע און געפרעגלטע דארפן האבן א פארלעסליכע השגחה.

### 3

**געבראטענע און געפרעגלטע, אדער אויב ס'האט א "פלעיוואר/סיזאנינג":** דארף האבן א פארלעסליכע השגחה, צוליב חששות אויפ'ן אויל און די כלים אין וועלכע זיי ווערן פראדוצירט.

**ס'איז געוועגליך ריין פון ווערעם**, מ'איז נישט מחויב דאס צו באקוקן, אבער אויב מ'באמערקט א לאך אינעם נוס, דארף מען עס עפענען און באקוקן, און אויב מ'טרעפט ווערעם אדער איינע פון די דריי סימנים פון ווערעם, זאל מען עס נישט נוצן.

אין א פאל וואס ס'איז געשטאנען א לענגערע צייט, בערך 4 וואכן, אויף א ווארעמען פלאץ, למשל אין א שראנק נעבן דעם געז רענטש, איז עס אפט ווערעמדיג און מ'איז מחויב צו קוקן אויב ס'האט נישט קיין ווערעם, אדער איינע פון די דריי סימנים פון ווערעם אדער מילבן.

מדקדקים עפענען און באקוקן דאס אלעמאל פון ווערעם.

פאלגענד זענען די דריי סימנים: 1] א געוועב: ביים ארויסגיסן פונעם שאכטל בלייבט עס הענגען, דורכ'ן זיין צוגעקלעבט איינס צום אנדערן, אדער דורך א פאדעם. ווען ס'קלעבט נאר איינציגווייז צום שאכטל, דעמאלט איז דאס static electricity, און נישט קיין געוועב. 2] צוזאמגעקלעבטע שטיקלעך: אויב ביים צעברעכן די צוזאמגעקלעבטע שטיקלעך ווערט עס אינגאנצן צעברעקלט, אזוי ווי ביים צעברעכן א שטיק זאלץ/צוקער, איז עס א סימן פון ווערעם. אבער אויב דאס איז געווען אין פרידזשידער, קען פאסירן די זעלבע זאך צוליב נאסקייט און נישט צוליב ווערעם. 3] אסאך ברעקעלעך: וואס האבן אן אייניגע מאס אינעם אויסזען.

### 4

**ס'איז אפט ווערעמדיג**, דערפאר מעג מען עס נאר נוצן דורכ'ן צעשניידן אויף האלב און באקוקן. אויב ס'איז אויפגעגעסן אדער ס'זעט אויס פארפוילט, איז דאס א סימן פון ווערעם און מ'זאל עס נישט נוצן. מ'קען עס אויך באקוקן נאכ'ן קאכן.

די געקאכטע וועלכע האבן די השגחה פונעם מערכת הכשרות זענען בישול ישראל און נקי' מחשש תולעים.

### 5

**אופגעשיילטע, אויך די באזאלצענע:** ס'איז נישטא דערביי קיין בישול עכו"ם. ביי די וואס האבן "פלעיווארס" זענען דא חששות, ווי אויך קען עס זיין חלב עכו"ם.

**אפגעשיילטע:** עס דארף האבן א פארלעסליכע השגחה. **ס'איז געוועגליך ריין פון ווערעם**, אבער ס'איז דא אזעלכע וואס ס'טרעפט זיך דערין ווערעם, דעריבער איז ראטזאם אז מ'זאל עס באקוקן.


ENJOY
ENGEL
A Engel.
ENGEL WINES
CABERNET SAUVIGNON
2019
CRC
• געקליבענע טרויבן פון קאליפארניע
• באגלייט דורך געלערנטע ווייַן עקספערטן
• היימיש. פראפעסיאנעל. געשמאק.
• אונטער די שטרענגע השגחה פון התאחדות הרבנים
A Engel.
ENGEL WINES


WE'RE SERIOUSLY
fresh.
SERVING UP A RICH
SELECTION OF NATURE'S
FRESHEST TREATS,
FOR EVERY SEASON.
YumTee®
Go Fresh!
YUMTEENUTS.COM
CRC
MEDIAOTG